רות

טהעאַטער־פאָרשטעלונג אין פינף אַקטען. צו ערקלערען
אָם טהייערקייט פון דעם יודישען גלויבען, אונ דיא
גאָטהייט פון דעם יודישען פאָלק.

פערפאַססער

B. Thursch.

ווארשא

בדפוס דובערוש טורש. נאלעווקי 7 №

תרס"ז

„РУТЬ"

т. е. ПРЕДСТАВЛЕНІЕ.

Соч. Б. ТУРШЪ

ВАРШАВА 1906 г.

Типографія Б. Туршъ. Варшава. Налевки № 7.

PROGRESSIVE BOOK STORE
A. WASSERMAN, PROP.
BOOKS, STATIONERY AND MUSIC
154 Rivington Street, N. Y.
CIRCULATING LIBRARY

הקדמה

„אלו תיטראות וקרקסיות שבאדום, שעתידין
שרי יהודה ללמד בהן תורה ברבים״.
(מגלה ו״).

אם משום רפואת־הגוף התירו התלמודיים להשתמש גם בדרכי אמורי (שבת ס״ז: פסחים כ״ה), אף שהשכינה למעלה מראשותיו של החולה, וזנה ומכלכלת אותו (שבת י״ב:). משום רפואת־הנפש, אשר השכינה נסתלקה ממנה, על אחת כמה וכמה שמותר להשתמש בתרופות הרחוקות מהדת היהדות. ולכן לא שגיתי בזאת אשר כריתי אזן קשבת, ושמעתי בקשת יראי ה׳ המצוינים, לבנות חזיונות מלבבים על אדני התיטראות, אשר יאירו עיני חולי הנפשות, לראות, אי זה דרך ישכון אור התכלית הנרצה לבעל הבירה ית׳. ולדעת איך להתיר חרצובות רשע, אשר יצרם המר והנמהר אסר אותם בהמה. יען עינינו הרואות, כי המחלקה השלישית מהמין האנושי, תמצא ענג נמרץ מחזיונות התיטראות, ושמים בהם כל מעינם. וכאשר יוצגו בהן חזיונות המחזירים את רואיהם למוטב, ונותנים לפתאים ערמה לקחת מוסר השכל צדק ומשפט ומישרים. אז נעלה אצלי מעל כל ספק, כי יהיו כצרי גלעד להנפשות הנהלאות, להחלימן ולרפאותן ממחלותיהן המטובנות והמזוהמות, ואז ישמח לבי גם אני

דובערוש טורש

די פּערזאָהנען

עגלון.	קייזער פון מואָב.
נבל.	גרויספירשט.
סוסיא.	עגלונ׳ס פרויא.
ערפּה	עגלונ׳ס טאָכטער.
רות	עגלונ׳ס טאָכטער.
דליא	אָרצטע
פּאַרמשתא	אָרצטע
מחלון.	ערפּה׳ס מאַן.
כליון.	רות׳ס מאַן.
נעמי.	מחלון און כליונ׳ס מוטער
אביר	פּרינצען
אליפז	פּרינצען
צפון.	קאָנסאָל פון עמון
כלב.	קאָנסאָל פון עמלק.

גברן.	קאָנסאָל פון פּלשתים.
אהוד.	יודישער דיכטער.
שפרה.	רות׳ס נאַכבאַרן.
בתיה.	שפרה׳ס טאָכטער.
מאמען.	ווירטה פון נעמי׳ס הויז.
בועז	רות׳ס צווייטער מאַן.
פּגעיאל.	אַפּיקורוס.
שלמה.	יודישער קעניג.
יהוידע	גענערעלער
אלישמע	גענערעלער
יהושפט.	שלמה׳ס סעקרעטאַר.
אליחורף.	שלמה׳ס שרייבער.
אפרים.	הערשטאַנט,

קאַמערדיענער. פעלדאַרבייטער. כהנים. אָרמע־פרויען. יתומים. אָ־מעלייט. סופר. ליכוויאַרז. מיניסטאָרען. גענערעלער. זונות. אָפּיצערען. ציגע.

ערשטער אקט.

(עגלון דער קייזער פון מואב, זיצט זיך אין זיין זאאל זעהר בעטריבט, און האלט זיין קאפף אנגעלעהנט אויף זיינע צווייא האנד בייא זיין טיש, דער קאמערדינער קומט אריין מיט א פערמאכטען בריעף אין האנד).

וואס ווילסט דיא? — פראגט עגלון — דיא האלסט א בריעף?

יא געעהרטער קייזער — ענטפערט דער קאמערדינער, און דערלאנגט איהם דעם בריעף — דיא קייזערן האט געהייסען זאגען דעם קייזער, דאס דער קייזער זאל זיך געהן לייגען אין בעט אריין, און אויסרוהען זיינע איבערגעראשטע נערווען.

געה! — זאגט עגלון מיט צארן — איך קום גלייך אריין. (דער קאמערדינער נייגט זיך פאר דעם קייזער, און געהט גלייך ארויס).

איך זעה — שפריכט עגלון — דאס דער בריעף איז פון דעם קייזער יבין פון כנען. ער שרייבט מיר דורך זיין גרויספירשט סיסרא:

„ליעבער קייזער עגלון!

„אזויא וויא מיינע צווייא ליעבע זאהנע האבען בייא דיין קאנסאל „געזעהען דיא בילדער פון דיינע צווייא שיינע טאכטער רות און ערפה. „האט זיך גלייך אנגעצונדען אין זייער הארץ, זעהר א גרויסע פייערדיגע „ליעבע צו זייא, און ווילען דורכאויס הייראטען מיט זייא. מיין עלטערער „זאהן מיט דיינע עלטסטע טאכטער, און מיין יונגסטער זאהן מיט דיינע צווייטע „טאכטער. איך געבע דיר מיין הייליג ווארט, דאס גלייך נאך זייערע האכצייט, „וועל איך זייא צוטהיילען מיין גאנץ קאניגרייך. מיינע גרויסע ערצטע האבען

„מײַנע געדאַנקען איבעררַאשט מִיט זײַער בעשטעטִיגונג , דאָס איך מוס זִיטצען
„רוהִיג אִין דאָרף, אָבגעזאָנדערט פון מענשען. דִיא קאָנסט דִיר יעצט אַלײַן
„פאָרשטעלען ווִיא גלִיקלִיך װעלען דײַנע טאָכטער זײַן בײַא אונז. שרײַב מִיר
„יועל איך דִיר פלײַסִיג שִׁיקען מײַנע צווײַא זאָהנע, זײַא װעלען דִיך בעוואונדערן
„מִיט זײַער שוינהײַט, אויך מִיט זײַער בִּילדונג. אַלע מײַנע בִּירגערס שאַטצען
„זִיך זעהר גלִיקלִיך, מִיט דעם װאָס איך וויִל זײַא אִיבערגעבען מײַן קאָנִיגרײַך.
„ווײַל זײַער לִיעבשאַפט צו זײַא אִיז אומנאַטורלִיך. איך ערוואַרטע שנעל דײַן
„גוטען פרײַלִיכע אַנטוואָרט.

דײַן עווִיגער פרײַנד, יָבִין קייזער פון כְּנַעַן".

וואָס מאַכט מען? איך ווִיל זעהר גערן, דאָס מײַנע צווײַא אויפגעקלעהר־טע טאָכטער, זאָלען הײַראַטען מִיט יבין'ס צווײַא וועלטבעריהמטע זאָהנע. איך ווײס, איך זעה מִיט רײַנע אויגען, דאָס גרויסע גלִיק פון דִיא צווײַא שײַנע און וויִכטִיגע פאַרטִיען. נור וואָס קאָן איך לײַדער טוהען, ווען דִיא צווײַא פערשאָלטענע יודִישע טײַפלען, האַלטען צו מײַנע טאָכטערס קאָפּ מִיט זײַערע אײַזענע פויסטען, און צווִינגען זײַא צו שאָקלען: ניין? (עס קומט אַרײַן דער גרויספִירשט נָבָל, און בִּיקט זִיך פאַר דעם קייזער).

נָבָל! — רופט אִיהם עגלון — הײב דִיך נור אויף, און זעטץ דִיך נעבען מִיר. איך ווִיל פאַר דִיר אַבִּיסעל אָברײדען מײַן בִּיטער האַרץ.

לִיעבער קייזער! — פראָגט נבל זעהר אונרוהִיג, און זעצט זִיך נעבען אִיהם — וואָס אִיז דען דאָ געשעהען?

עז — ענטפערט עגלון, און דערלאַנגט אִיהם דעם בּרִיעף — לעז לאַנגזאַם דעם בּרִיעף וואָס דער קייזער יבין האָט מִיר יעצט געשִיקט. (נבל נעמט שנעל דעם בּרִיעף, און לעזט אִיהם דורך).

וואָס? — וואונדערט זִיך נבל — פון דעם בּרִיעף האָט דער קייזער אַ בִּיטער האַרץ? טאַנצען בּרויכט דער קייזער צוזאַמען מִיט אונזער גאַנץ לאַנד פון גרוים פרײד. דִיא גרעסטע קונסטלִיכע פעדער, דִיא שענסטע שאַרפע צונג, קאָן נִיכט געבען צו ערקלעהרען דאָס גרויסע גלִיק וואָס קאָן פאַר אונז אַלע שפּראָטצען דורך דִיא צווײַא פאַרטִיען. אויסער דעם וואָס ערפה און רות וועלען גלִיקלִיך זײַן מִיט דִיא צווײַא וועלטבעריהמטע זאָהנע, וועט אונזערע יעצטִיגע פאָלִיטִיקע דורך דעם זעהר הויך ווערען. אַזויא הויך, דאָס דִיא לִיעבער קייזער קאָנסט דִיר דאָס אַלײַן נִיכט פאָרשטעלען.

יאַ — ענטפערט עגלון — איך פערשטעה דאָס זעלבסט . אָבער וואָס מאַכט מען . וואָס טוהט מען , ווען מיינע צווייא טאָכטער ווילען ניכט הייראַטען מיט דיא צווייא גאָלדענע פרינצען ? מיינע פרויא האָט שוין מיט זייא גאַנץ גענוג דאַריבער געשפּראָכען , זיא האָט זייא געקושט מיט פיעל הייסע טרערען , אונ זייא האַלטען זייערע קאָפּף בייא איין שאָקלען : ניין ! גליקליך וואָלט איך געמאַכט דעם קלוגען מענש , וואָס האָט צו דעם אַ ריכטיגען ראַטה .

איך — זאָגט נבל — וועל מיט דיינע טאָכטער אַליין רעדען . אונ איך שרייב גלייך אַנטוואָרט צום קייזער יבין , דאָס מיר ערוואַרטען זעהר ליעב אונ זעהר גערען זיינע צווייא זאָהנעס קומען . איך דענק בענויא וויא זיכער , דאָס ווען ערפּה אונ רות וועלען נור דערזעהן דאָס שוינהייט פון דיא צווייא פּרינצען , וועלען זייא גלייך בעצווינגערט ווערען , אונ זייערע קאָפּף וועלען אָנהייבען צו שאָקלען אָהן אויפהער : יאָ !

זאָג מיר — פרעגט עגלון — וואָס וועט זיין ווען דיא צווייא גרויסע פּרינצען וועלען צוריק פאָרען מיט גאָרניכט , אונ מיינע טאָכטער וועלען ניכט בעצווינגערט ווערען מיט זייער שוינהייט ?

דאַמאָלס — ענטפערט נבל — וועט זעהר ניכט גוט זיין . פון דעם קאָנען זעהר גרינג געבוירען ווערען זעהר אונגליקליכע מלחמות . אונ מיר האָבען זעהר ריכטיגע נאַכריכטען , דאָס דער קייזער יבין פערמוגט זעהר אַ שטאַרקערע אונ אַגרעסערע אַרמעע פאַר אונז . יעדען מאָנאַט קויפט ער פּריש געוועהר . דיא טהייערסטע פּאַנצערס . דיא שטאַרקסטע רייטוועגען .

שרעקליך ! — ביטערט עגלון אונ פערבראַכט זיינע האַנד — מיין קאָפּף ליגט לײדער יעצט צווישען האַמער אונ צווישען קלאָטץ .

בערוהיג דיך ליעבער קייזער ! — טרייסט איהם נבל — ווען דיינע טאָכטער וועלען פערלעשען זייער מיטלייד מיט זייער אייגענעם פאָטער . ווען זייא וועלען זיך ניכט ערבאַרמען אויף דיינע עלטערע יאָהרען , וועל איך אויף זייא אויך קיין מיטלייד האָבען . איך וועל זייא פערשפּאַרען אין זעהר אַ שוועהרען קערקער . אונ וועל זייא אַזויא לאַנג צווינגען , אַזויא לאַנג פּייני־ גען , ביז זייא וועלען דיא צווייא גליקליכע פּאַרטיען בעשטעטיגען .

נבל ! — זאָגט עגלון אונ לייגט זיינע האַנד אויף זיין שטערען — מיין קאָפּף שמערצט מיר זעהר , הערענדיג , דאָס איך וועל געצווינגען זיין צו

פערלעשען מיינע נאטורליכע ליעבע צו מיין אייגען בלוט און פלייש. איך געה מיך צו לעהנען אויף מיין בעט, פיליכט וועלען מיינע נערווען עטוואס רוהיגער ווערען. דיא זאלסט גלייך שרייבען אנטווארט דעם קייזער יבין, דאס מיר ערווארטען מיט פערגעניגען זיינע צווייא זאהנעם קומען.

גוט — ענטפערט נבל — איך שרייב גלייך א בריעף, נור דיא ברויכסט איהם זעלבסט אונטערשרייבען.

געוויס — זאגט עגלון — איך וועל ניכט לאנג שלאפען. אדיע. (עגלון געהט ארויס, צו האלטענדיג זיין קאפף מיט ביידע האנד).

יא — שפריכט נבל צו זיך זעלבסט — דער קייזער יבין האט מיר בעפוילען דורך זיין קאנסאל, דאס ער וועט מיך גליקליך מאכען, ווען איך וועל דיא צווייא קייזערליכע פארטיען אויספיהרען. איך וועל פראבירען צו ריידען מיט ערפה'ן און מיט רות'ן זעהר וויך, זעהר עדעל. איך וועל זייא פאקטיש ערקלעהרען, וויא גרויס און וויא גליקליך זענען דיא צווייא פארטיען וואס זייא ווילען פון זיך אוועגשמייסען. אבער ווען מיינע ווערטער וועלען זיין אומזאנסט. ווען זייא וועלען פערשטאפען זייערע אויערען וויא שלאנגען, און וועלען מיך ניכט הארכען. וועל איך זייא געבען א פלאטץ אין קערקער צווישען דיא ניעדריגסטע הערשטאנטען. דא עסען זייא דעם טהייערסטען קוכען, און טרונקען דעם בעסטען וויין, און דארט וועלען זייא עסען ווארמדיג ברויט, און טרונקען אונריין שמוטציג וואסער וואס דיא פערד ווילען עס ניכט טרונקען. דא שלאפען זייא אין גאלדענע בעטען מיט דעם טהייערסטען פייגעל-פאך, און דארט וועלען זייא שלאפען אויף דיא קאלטע פייכטע ערד, פיעל ערגער וויא דיא פיעה אין שטאל. ביז זייא וועלען איינבייגען זייער שטאלצען קאפף, און וועלען שרייען אהן אויפהער: יא. דיא שטרענגע פויסט מאכט אלעס, אויף דעם ארט וואס דער פערשטאנד קאן ניכט אנהייבען, קאן דיא בלוטיגע האנד אויספיהרען. איך האב אין דעם זעהר אגרויסע פראקטיקע געהאט. בעזאנדער האב איך אויף רות'ן זעהר א בייז הארץ. איינינע מאהל האט זיא מיך שוין פערשעהמט, איך האב איהר מיינע פריינדליכע האנד גערייכט, און זיא האט איהרע האנד ניכט געוואלט צוריק רייכען. אויך האט מען מיר ריכטיג ערצעהלט, דאס זיא שפאסט און לאכט אויס אונזער גלויבען. עס געהט בענויא ניכט אוועג איין טאג, וואס זיא זאל ניט שנעלען מיט איהרע פינגער אויף דיא נאז פון דיא געטליכע בילדער, וואס איהרע עלטערען ביקען זיך צו זייא אין זייער זאאל. איהר בעסט פערגעניגען איז, צו הערען

ווי דיא פערשאלטענע ידן פערגאטערן זייער גלויבען מיט זייערע וואונ-דערליכע ערצעהלונגען, אונ בעשמוטצען אלע פרעמדע גלויבענס מיט זייערע פייערדיגע מיילער. (ער שטעלט זיך אויף מיט ענערגיע): יא! נור דער שוועה-דער קערקער, נור דיא גרויסע פיין, וועלען ארויסטרייבען דאס נארישקייט פון זייער הארץ. (דיא קייזערליכע טאכטער רות, קומט אריין, אונ בעגרוסט דעם גרויספירשט, ער רייכט איהר זיינע האנד, אונ זיא רייכט איהם ניכט צוריק).

דער פאטער — פראגט רות — איז ניכט דא?

ניין — ענטפערט נבל זעהר קאלטבלוטיג — ער ליגט יעצט אויף זיין בעט, אונ בערוהיגט זיינע פערביטערטע נערווען. ער האט יעצט מיר ערצעהלט, דאס דיא מאכסט איהם זעהר געפאהרליך קראנק.

איך? — פרעגט רות לייגענדיג איהרע האנד אויף איהר הארץ — ניין! איך האב נאך ניכט אין מיינעם לעבען דאס מינדעסטע שלעכטע ווארט געזאגט מיינע עלטערען. גאט זאל היטען!

דער שלאנג — ענטפערט נבל — רעדט אויך ניכט קיין שלעכט ווארט, ווען ער ווארפט אויף דעם אונשולדיגען מענש זיין בייזען גיפט.

איך — זאגט רות מיט פערדרוס — רעכען דאס זעהר פאר א אונרעכט. וויא קאנסט דיא דיר ערלויבען, צו פערגלייכען מיין פאטערס קייזערליכע בלוט צו א גיפטליכען בייזען שלאנג? נבל! דיין גליק איז יעצט, מיין גרויסער ערבארמדיגער כאראקטער, וואס ערלויבט מיר ניכט צו זאגען מיינע עלטערען פון דעם. שטעל דיר אליין פאר, ווען מיינע מוטער זאל דאס וויסען, וויא גרויס דיין שטראף וואלט געוועזען? זיא וואלט דאך דיינע אויגען אויסגעשטאכען.

ניין — זאגט נבל — דיינע קלוגע עלטערען וואלטען מיר נאך דאפיר זעהר דאנקבאר געוועזען. נור מיין טרייהשאפט, נור מיין עהרליך ריין הארץ צו דיין פאטערס קייזערליכע הויז, ערלויבט מיר צו רעדען אזויא שטרענג מיט דיר. (ער דערלאנגט איהר דעם בריעף): נעם אונ לעז דורך דעם בריעף וואס דער גרויסער קייזער יבין האט געשריבען מיט גרויסע עהרע, דאס ער וויל דיך מיט דיינע עלטערע שוועסטער ערפה פאר שוויגערטאכטער האבען. ער וויל אייך געבען פאר מאנער זיינע צווייא וועלטבערוהמטע זאהנע. אונ וויל זיי גלייך נאך דיא האכצייט צו טהיילען זיין קאניגרייך. אונ דיא מיט דיינע שוועסטער, שמייסען דיא גאלדענע גליקליכע פארטיען אוועג פון אייך.

גראַדע וויא דיא הוהן שמייסט צ׳ויעג מיט איהר שנאָבעל דעם טהייערן בריליאַנט, אונ נעמט דיא פערפוילטע ווייטץ. דיין פאָטער האָט יעצט בענויא געוויינט פון שמערצען, וויל איהר קאָנט מיט אייער ענטזאַגען דיא פאַרטיען, ברענגען אונזער פאָליטיקע אין דעם גרעסטען געפאַהר.

יעצט — ענטפּערט רות — פערשטעה איך. דיא ווילסט, דאָס דיא קערפּערס אויך דיא אונשולדיגע זעעלען פון מיר מיט מיינע שוועסטער, זאָלען זיין אַ אָפּפער אויף דעם בלוטיגען אַלטאַר פון אונזערע פאָליטיקע? ניין נבל! איך קאָן אויף דעם קרומען פערשטאַנד ניכט איינוויליגען. עס איז מיר ליעבער צו זיין אַ גאָטליכער אָפּפער אויף דעם אַלטאַר פון דיא וואַהרהייט. אויף דעם אַלטאַר פון דעם גאָטליכען יודישען גלויבען. וויא צו זיין אַ דומער אָפּפער אויף דעם אַלטאַר פון דיא פאַלשע ביוראָקראַטישע פּאָליטיקע, וואָס זיא איז געשטעלט אויף זעהר אַגרויסען מעער פון מענשענבלוט.

רות! — זאָגט נבל — דיינע אונבערעכענטע וואָרטער זענען אַריין וויא גיפטליכע פיילען אין מיין האַרצען. דאָס יודישע גלויבען איז ביי דיר גאָטליך? דאָס הייסט זעהר דייטליך געזאָגט, דאָס אונזער גלויבען שטעהט ביי דיר פיעל ניעדריגער פון דעם גלויבען וואָס אַלע פעלקער ווילען עס ניכט צו נעמען, אויסער דיא פערשאָלטענע יודען, וואָס זענען יעצט אין אונזער לאַנד זעהר בילינע שקלאַפען אַזויא וויא זייא וואַהרען אין עגיפטען. ניין קייזערליכע טאָכטער! ווען דאָס יודישע גלויבען וואָלטווירקליך גאָטליך געוועזען. ווען זייא זאָלען האָבען אַ ריכטיגען גאָט וויא מיר, וואָלטען זייא דאַמאָלס ניכט אַזויא אונגליקליך פערשפּיעלט דיא קריעג וואָס מיר האָבען מיט זייא געהאַלטען. איך גלייב, דאָס דיין פאָטערס היילינע נאָטער, האָבען פלייסיג פערנאַרט דיינע געדאַנקען, וויל דיא האָסט זייא שוין פיעל מאָהל פערשעהמט, אונ האָסט מיט דיינע פינגער געשנעלט אויף זייערע נאָז.

דאָס — ענטפערט רות — וואָס דיא יודען האָבען דיא קריעג פערשפּיעלט, איז קיין בעוויז ניכט אויף דעם ניעדריגקייט פון זייער אַלמעכטיגען גאָט מיט זייער גלויבען. אונזערע אויגען זעהען דאָס דער בייזער שפּאַרבער, האָט פיעל מעהר גליק אונטער דיא זונן, פאַר דיא גוטע ערבאַרמדיגע טויב. מיר זעהען, דאָס דער ווילדער טיגער, לעבט אויף דיא בלוטיגע וועלט פיעל זיכערער, פאַר דיא רוהיגע שאָף. קוק דורך דעם פענסטער אַרויס אין גאָרטען, וועסט דיא גלייך זעהען. דאָס דער געפאָהרליכער דאָרן,

שטעהט פיעל רוהיגער, אונ פיעל לענגער, וויא דיא שיינע שמאקפאלענדע־ רויז, וואס דערקוויקט יעדעס פערשמאכטע הארץ מיט איהר גשמאק.

וויא — פראגט נבל — האסט דיא דיך אזויא פעסט איבערצייגט אין דיא גאטהייט פון דעם יודישען גלויבען, דאס עס איז דיר ליעב צו זיין א אפפער אויף זיין אלטאר?

איך — ענטפערט רות — האב גראדע וויא דיא פלייסיגע ביען גע־ שוועבט אויף דיא יודישע וויסענשאפטליכע רויזען. אויך אויף זייערע רעלי־ געזישע בלוהמען. אונ האב פערפיעלט מיין מאגען מיט זייער זיסען טהייערן האניג, וואס האט גלייך בעלייכטעט מיינע אויגען, וואס וואהרען לאנגע יאהרען פערדונקעלט מיט דיא גאטצענדיענסטליכע שווארצע וואלקענעס. יעצט זעה איך ריין, קלאהר, דעם היילינען גאטליכען גייסט, וואס שוועבט אויף דיא יודישע רעליגיאן. אונ איך האב קאנענגעלערנט דיא ריזינדע פילא־ זאפישע פונדאמענטען, וואס אויף זייא איז זייער תורה געגרונדעט.

מיין מוטה — זאגט נבל —– ערלויבט מיר ניכט יעצט צו האבען מיט דיר א דיספאט איבער דיא רעליגיאנען. ווען דיא פערלאנגסט, קאן איך צו דיר פלייסיג שיקען אונזער אבערגייסטליכען, וועט ער דיר שון פאקטיש ערקלעהרען, דאס אונזער גלויבען שטעהט מיט אלע בעציהונגען פיעל העכער אונ פיעל שענער פאר דעם יודישען גלויבען. איך וויל דיר יעצט מעהר ניכט זאגען, נור, דאס אלע רעליגיאנען וואס עגזיסטירען יעצט אויף דיא וועלט, אויך דיזי אלטע פערצייטישע רעליגיאנען, וואס דיא אויפגעקלעהרטע צייט האט זייא גאנצליך פערניכטעט, אלע אלע זאגען זעהר שטרענג אן, צו עהרען אונ צו שאטצען דיא עלטערען מיט לייב אונ זעלע, ווער שמיסט נאך. מען זאל זייא קיין מינדעסט קרענקונג פערשאפען. אונ דיא קייזערליכע טאכטער, האלסט יעצט זעהר א שארפע לאפאטע אין דיינע איגענע האנד, אונ גראבסט בעהיטע גאט א גראבען פאר דיינע איגענע עלטערען?

ניכט ריכטיג — ענטפערט רות — דיא האנגסט אן א געפאהרליכען דארן אויף א גוטען בוים וואס ער שפראצט דיא שענסטע מדות. איך האב נאך ניכט אין מיינעם לעבען א פליעג אויף דיא וואנט צוקוועטשט. אויך אויף מיינע פיינדע איז מיין הארץ אימער פיל מיט ערבארמקייט, וויא נאך אויף מיינע איינענע עלטערען. (איהרע שוועסטער ערפה קומט אריין מיט א רויז אין האנד).

דער פּאָטער — פראָגט ערפּה — איז ניכט דאָ?

ניין — ענטפערט רות — אַ שאַדע ליעבע שוועסטער וואָס דיא ביסט ניכט פריהער געקומען, אונ האָסט ניכט געזעהען דיא פייערדיגע פינקען וואָס אונזער גרויספירשט נבל, האָט פון זיין מויל אַרויסגעבלאָזען אויף אונז ביידע. ער האָט זיך ערלויבט צו פערגלייכען אינז צו גיפטליכע שלאַנגען. אונ זאָגט דאָס מיר גראָבען מיט אונזערע אייגענע האַנד אַ גראַבען פאַר אונזערע עלטערען, מיט דעם, וואָס מיר ווילען ניכט שליסען דיא פּאַרטיען מיט דעם קייזער יבין׳ס זאָהנע.

יעדער מענש — זאָגט ערפּה — וואָס בעזיצט נור אַ גוטען מענשליכען כאַראַקטער. יעדער עדלער מאַן וואָס ליעבט אונ עהרט דיא וואַרהייט, זעהט, אונ פערשטעהט, דיא גרויסע שרעקליכע זינד פון דעם אינמענש, וואָס ערלויבט זיך צו שליסען אַ פּאַרטיע צו ליעב געלד, צו ליעב עהרע, צו ליעב פּאָליטיק. ניין, קינדער ברויכט מען ברענגען אויף דיא שטערבליכע וועלט, נור דורך דעם ענגעל פון די ריינע וואַהרע ליעבע. נור אַזאָלכע קינדער ווערען געבוירען געזונד אונ גליקליך, נור אַזאָלכע קינדער קאָנען עגזיסטירען אויף דעם פינסטערן ערדקוגעל. אָבער דיא אונשולדיגע קינדער וואָס ווערען ליידער געבוירען אויף דיא שוים פון געלד, עהרע, אונ פּאָליטיקע. דיא אונגליקליכע קינדער זענען אימער אַ ציעל צו דיא ערגסטע געפאָהרליכסטע קראַנקהייטען. דאַדורך ווען אונזער האַרץ איז וויים פון דיא צווייא פּרינצען. ווען דער ענגעל פון דיא ליעבע וויל אין דעם קיין אַנטהייל נעמען, איז אַ ריכטיגער בעווייז, דאָס גאָט בעשטעטיגט דאָס ניכט. אונ ווען אונזערע עלטערען ווילען אונז צווינגען צו דעם, טוהען זייא מיט דעם זעהר אַ גרויסע שרעקליכע זינד, אונ מיר ווילען ניכט אונזערע ליעבע עלטערען זאָלען זיך דורך אונז פער-זינדיגען, אונ בעקומען אַ גאָטליכע גרויסע שטראָף.

נבל! — זאָגט רות — ווען דיא וואָלסט געליעבט דיא וואַהרהייט, ברויכסט דיא קושען מיינע שוועסטערס לאָגישע ווערטער. דיא פערשטעהסט? מיט דעם וואָס מיר ווילען ניכט שליסען דיא פּאַרטיען, צייגען מיר נאָך אַ עכט ריכטיג טרייעשאַפט צו אונזערע עלטערען.

יעדער מענש — ענטפערט נבל — ווען ער געהט לעשען דעם דאָרשט מיט וואַסער, ברויכט ער דאַמאָלס ניכט אָנטוהען פערגרעסער גלאָזער אויף זיינע אויגען צו זעהען דיא שמוטציגע וואָרם וואָס שווימען אין איהם אַרום.

קיקט אִיהר אויך נִיכט צוּ פִיעל אויף דִיא פִילאָסאָפִישֶׁע גלאֶזער. פֶערלאָסט-
אַייך לִיעבער אויף אַייער קלוגען פאָטערס פערשטאַנד. ער אִיז עֶלטער פוּן
אַייך בֵּיידע. דִיא עֶלטערֶע יאָהרען זֶענען זעהר אַ לִיכטיגע לאַטערנֶע, וואָס
צייגט מִיט אִיהרֶע פראַקטִישֶׁע שטראַהלֶען דִיא רִיכטִיגֶע וואַהרהייט. אַייער
פאָטער האָט נאָך קיין מִינדעסטען פעהלֶען טרִיט געֶמאַכט, וויא ער געֶהט,
געֶהט מִיט אִיהם דאָס גלִיק. דער גרויסער קֵיזער כּוּשַׁן-רִשְׁעָתַיִם פוּן אֲרַם-
נַהֲרַיִם, האָט נִיכט געקאָנט געֶווינֶען דִיא קריעג וואָס דער יודִישער העֶלד
עָתְנִיאֵל בֶּן קְנַז האָט מִיט אִיהם געהאַלטען, אוּנ ער האָט דִיא יודען אַרויס-
געֶרעֶטעט פוּן זיינֶע האַנד. אוּנ פִירציג יאָהר נאַכדעם, וואָס אִין דִיא לאַנגע
צייט האָבּען דִיא יודען זיך פִיעל מעהר געקראֶפטִיגט, פוּן דעסטוועגען האָט
אַייער גלִיקלִיכער פאָטער געווינען דִיא קריעג וואָס ער האָט מִיט זייא געהאַלטען,
אוּנ זייא זענען שוין אַבצעהן יאָהר זיינֶע קנאֶכט. אַזויא אַ גלִיקלִיכער מענש
ווֶעט זִיכער צוּ אַייך אויך פִיעל גלִיק האָבּען, אוּנ וועט קיין פעהלער מאַכען.

מיין פאָטער — זאָגט רות — אִיז פִיעל עֶלטער פוּן דִיר, פוּן דעסטוועגען
פערלאָסט ער זיך אויף דיין יונגערן פערשטאַנד. אויך מִיר פערלאָסען זיך
בּיידע אויף דעם קלאָהרען פערשטאַנד, פוּן דִיא צווייא קלוגע יודִישע יונגען,
וואָס האָבּען אונז וויא אויפגעוועקט פוּן אַ נזֵער רוּמען שלאָף. אוּנ זייא האָבּען
אונז זעהר רִיכטִיג ערקלעהרט, דאָס נִיכט דאָס גלִיק פוּן אונזער פאָטער האָט
פערנִיכטעט דאָס יודִישע קאֶנִיגרייך, נור דִיא יודִישע אייגענע זִינד אִיז אויף
זייא געוועזען אַ בּלוטִיג געווער.

ווער — פראֶגט נבל — זֶענען דאָס דִיא צווייא קלוגע יודען, וואָס האָבּען
אַזויא שנעל אָנגעקלעבּט אויף אַייערע אַקסלען דִיא פִילאָסאָפִישע פליגעל?

אִין אונזערֶע שטאָדט — ענטפערט רות — וואָהנט אַ יודִישע וויטווע נָעֳמִי,
דער גרויסער הונגער וואָס וואַהר אִין דִיא יודִישע שטאָדט בֵּית-לֶחֶם, האָט
זִיא מִיט אִיהר זעֶלִיגען מאַן אלימלך אוּנ זייערע צווייא זאֶהנע מַחְלוֹן אוּנ
כִּלְיוֹן דאָ אַהער געבּראַכט. דִיא צווייא יודִישע קִינדער בּעזִיטצען זעהר פִיעל
בִּילדונג מִיט זעהר אַ ריינעם פִילאָסאָפִישען פערשטאַנד. אַנפאַנגס האָבּען זייא
אָבּגעריינִיגט אונזערע אויגען פוּן אונזערע גאָטצענבּעלען. נאָכדעם האָבּען
זייא פאַר אונז געמאַכט לייכטען דִיא זִיסע גאָטלִיכֶע לִיכט פוּן דעם יודִישען
גלויבּען. אַ שאַדע וואָס דִיא נבל בִּיסט דאַמאָלס נִיכט מִיט געוועזען אִין
גאָרטען. אִיך בִּין זִיכער, ווען דִיא וואָלסט זייערע רעדע געהערט, וואָלסט
דִיא נִיכט מעהר געוועזען אונזער געגענער.

ווִיא — פרָאגְט נבל — וואָהנט דִיא נעמי מִיט אִיהרֶע זאָהנֶע?

אויף דִיא פִּישׁשטראַסֶע — עֶנטפֶערט ערפּה — גֶעגֶען דעֶם האָטעֶל. (נבל פֶערצֵייכֶענט דִיא אַדרֶעסֶע).

נײַן ערפּה! — זאָגט רות — צוּ וואָס האָסט דִיא זֵייעֶרע אַדרֶעסֶע גֶעזאָגט? (דִיא קֵייזעֶרִין סוּסָיא קוּמט אַרײַן פֶערבּראָכֶען אִיהרֶע האֶנד. נבל שׁטעֶלט זִיךְ אויף מִיט עֶהרֶע).

נבל! — זאָגט סוּסיא — מײַן מאַן רוּפט דִיךְ, עֶר לִיגט אִין שׁלאָפצִימעֶר. (נבל גֶעהט שׁנעֶל אַרויס. סוּסיא זעֶצט זִיךְ אויף זײַן אָרט מִיט זעֶהר אַ בִּיטעֶרֶן זִיפץ): מײַן מאַנס גֶעלבּעֶ גֶעזִיכט, מאַכט מִיךְ לֵיידעֶר קראַנק. יאָ לִיבּעֶ קִינדעֶר! אִיהר בּרויכט שׁוין ווִיסעֶן. אִיהר בּרויכט שׁוין פֶערשׁטעֶהן, דאָס דִיא נעֶרוועֶן פוּן יעֶדעֶן קֵייזעֶרלִיכעֶן קעֶרפּעֶר, זעֶנעֶן פִיעל דִינעֶר אוּנ פִיעל עֶדלעֶר פאַר דעֶם דִינסטעֶן זֵייד, אוּנ דִיא לֵייכסטעֶ זאַךְ קאָן זֵייא זעֶהר שׁנעֶל אִיבּעֶררֵייסעֶן. ווען דִיא זֵייד רֵייסט זִיךְ אִיבּעֶר, קאָן מעֶן עֶס צוּרִיק צוּבּוּנדעֶן, אָבּעֶר ווען דִיא נעֶרוועֶן צוּ רֵייסעֶן זִיךְ, קאָנעֶן זֵייא דִיא גאַנצעֶ וועֶלט אָרצטעֶ נִיכט צוּרִיק פֶערבּוּנדעֶן, אוּנ דעֶר גאַנצעֶר קעֶרפּעֶר מוּס גֶעהן אִין גראַבּעֶן אַרײַן. אִיךְ ווֵייס לִיבּעֶ טאָכטעֶר, דאָס אִיהר קאָנט זעֶהר גוּט אֵייעֶר לִיבּעֶן פאָטעֶרס עֶדלעֶ נעֶרוועֶן. אויךְ ווֵייסט אִיהר, דאָס עֶר אַכטעֶט אֵייךְ, אוּנ לִיבּט אֵייךְ בֵּיידעֶ, ווִיא זֵיינעֶ אויגעֶן אִין קאָפּף. ווען אִיהר זאָלט נִיכט זײַן זײַן אֵייגעֶן בּלוּט אוּנ פלֵיישׁ, נוּר גאָנצלִיךְ פרעֶמדעֶ, בּרויכט אִיהר אִיהם אויךְ זײַן געֶהאָרכזאַם, עֶרשׁטעֶנס, ווֵייל עֶר טראָגט אויף זײַן קאָפּף שׁוין פִיעל יאָהרעֶן דִיא קֵייזעֶרלִיכעֶ קרוין פוּן דעֶם לאַנד וואָס אִיהר זעֶנט אִין אִיהר גֶעבּוירעֶן. אוּנ צווֵייטעֶנס. ווֵייל עֶר האָט אֵייךְ קֵייזעֶרלִיךְ עֶרצויגעֶן. עֶר האָט אֵייךְ עֶרנעֶהרט מִיט פֵייגעֶל־מִילךְ, אוּנ האָט אֵייךְ גֶעבּאָדעֶן אִין דעֶם טהֵייעֶרסטעֶן בּאַלכּאַם, אִין דעֶם בּעֶסטעֶן ווײַן, אוּנ אִיהר פֶערגֶעסט אִין דעֶם אַלעֶם. אוּנ ווִילט אִיבּעֶר־רֵייסעֶן זֵיינעֶ אִיבּעֶרגעֶשׁטרעֶנגטעֶ נעֶרוועֶן, מִיט אֵייעֶרן ווִילדעֶן פּראָטעֶסט אויף זײַן רִיכטִיגעֶן מֵיינוּנג. אַזויא אַ מֵיינוּנג וואָס אַלעֶ שׁטעֶרעֶן אִין הִימעֶל שׁרֵייעֶן אוּנ מאַכעֶן גֶעוואַלדעֶן אִין יעֶדעֶן קלוּגעֶנס אויעֶרעֶן, דאָס עֶס אִיז פאַר אֵייךְ בֵּיידעֶ אַ גרויס גלִיק אויף אֵייעֶר גאַנצעֶן לעֶבּעֶן. אַלעֶ לאָנדעֶר דוּהמעֶן אוּנ שׁאָטצעֶן דִיא צווֵייא גֶעלעֶרנטעֶ זאָהנעֶ פוּן דעֶם גרויסעֶן קֵייזעֶר יבין. בּעֶנויא אַלעֶ טהֵייעֶרעֶ צִירוּנגעֶן וואָס דִיא רֵייכעֶ גאָטלִיכעֶ נאַטוּר פֶערמוּגט, האָט זִיא דִיא צווֵייא פּרִינצעֶן אַוועֶגגעֶשׁעֶנקט: שׁוינהֵייט, בִּילדוּנג, גֶעזוּנד, רֵייכטהוּם, עֶהרעֶ, יחוס. אויךְ האָט זֵייעֶר פאָטעֶר גֶעשׁרִיבּעֶן, דאָס גלֵייךְ נאָךְ

וויַערע האָכציַיט, מאַכט ער זיַיא פּאַר קעָניגע, אין שענקט זיַיא אַוועג זיַין גאַנץ לאַנד. דיא צוויַיא טהיַיערע פּלאַנעטען וואָס בעשיַינען אונזערע נאַטורליכע הימלען, ווילען מיט אייך זעהר גערן היַיראַטען. זיַיא ווילען אַרויפפליַיגען זיַיערע ברילליאַנטענע קראָהנען אויף אייערע קאָפּף. קאָפּף, וואָס ציַיגען זיַיער דומהיַיט. קאָפּף, וואָס וויַיזען זיַיערע נאַרישע געדאַנקען, אַוועג צו שמיַיסען אַזויא אַ גרויס אומנאַטורליך גליק. וויא גלאָקען קלינגען שוין מיַינע אויערען פון אונזערע מיניסטאָרענס געשריַיען, דאָס דיא פּאַרטיען קאָנען בעפעסטיגען אונזער קעָניגריַיך, און רייניגען אַלע שטראָכלונגען פון אונזערע פּאָליטיקע. אייער פּאָטער ליגט יעצט אויף זיַין בעט, מיט זעהר אומנאַטורליכע קאָפּשמערצען. זיַינע אויגען פליסען פיעל ביטערע טרערען, הערענדיג, דאָס צוויַיא יודישע יונגען האָבען אין אייך פערוואָרצעלט אַ יודישען גיַיסט, וואָס גליבט און שטרעבט נור צום יודישען גלויבען. אויך זאָגט מען, איך גלייב דאָס ניכט, איך שעהם זיך דאָס אַרויס צו געבען פון מיַין מויל, חאַ־חאַ־חאַ! דאָס איהר האָט אייך אין דיא יודישע שקלאַפען פערליעבט. חאַ־חאַ־חאַ!

ליעבע מוטער! — ענטפערט רות — אין יעדען מענש גיבט דריַיא ריכטיגע קאָמפּאַניאָנען: גאָט, פאָטער, אונ מוטער. דעם שענסטען טהיַיל, דאָס הייסט דיא היַיליגע קלוגע זעעלע, האָט נור גאָט געגעבען. אַלסדאַן, ווען איהר ליעבע עלטערען פערלאַנגט דורכאויס, איך זאָל פאַר אייך אָפּפערן מיַין גאַנצען קערפּער, אַלע מיַינע גלידער אונ נערווען, מיַין בלוט אונ פלייש, בין איך צו יעדע ציַיט פאָרבריַיט דאָס צו טוהען. וויַיל מיַינע קערפּערליכע מאַטעריאַלען געהערען נור צו אייך. אָבער מיַין גאָט, מיַין געטליכער פאַטער, וואָס ער האָט מיר מיַינע זעעלע געגעבען, ער נור ער אַליין קאָן אויף איהר זיַין מיַינונג געבען. אונ ער היַיסט אַוועגגעבען אונזערע זעעלע דעם יודישען ריכטיגען גלויבען. ער האָט שטרענג פערבאָטען צו דיענען דיא פאַלשע אָבגאָטער. דאַדורך ליעבע מוטער קאָנען מיר זיך ניכט ערלויבען אַנדערש צו מאַכען. איינינע מאָהל האָט ער מיר מיט מיַינע שוועסטער בעפוילען דורך זיַין ענגעל, ליגענדיג אויף אונזערע געלעגערס, דאָס נור דיא צוויַיא יודישע יונגען מחלון און כליון, וועלען אונזערע מאָנער זיַין. אונ זיַין היַיליג וואָרט קאָן ניכט צוריק געצויגען ווערען. דער פאַטער קאָן זאָגאַר אונז היַיסען אַריַין וואַרפען אין פייער אָדער אין וואַסער. ער קאָן אונזערע קערפּערס אויף קליַינע שטיקער צו האַקען, און פון דעם געטליכען געדאַנק קאָנען מיר ניכט אַוועגגעהן, ניַין.

ניַין ליעבע קינדער! — זאָגט דיא קיַיזערין — לויט וויא איך זעה

זעט מען לײַדער געצװינגען זײַן, אַרױס צו טרײַבען דעם נאַרישען געדאַנק פֿון אײַך, נור מיט טראַרישע מיטלען. געבענשט זאָל זײַן דער נאָהמען פֿון דעם קײזער בושן, װאָס האָט די יודען אַזױא פֿעשטיליגט. אונ פֿערפֿלוכט זאָל זײַן דער יודישער העלד עתניאל דער זוהן פֿון קנז, װאָס האָט דעם יודישען גלױבען צוריק געראַטעט. דער יוד איז געפֿעהרליך אין לאַנד, װיא דער שפּאַרבער צװישען טױבען. ליעבע קינדער! האָט מיטלײַד מיט אײַערע אַלטע מוטער, אונ נעמט פֿרײַנדליך צו די צװײא פּרינצען. דער גרױספֿירשט נבל שיקט יעצט אַנטװאָרט דעם קײזער יבין, ער זאָל אונז בעעהרען מיט זיינע צװײא זאָהנע. געדענקט אין אײַערע מיטעגים לעצטע יאָהרען, אונ פֿערשאַפֿט איהר ניכט די אונאַטירליכע שמערצען, װאָס קאָנען זעהר לײַכט ענדיגען איהר לעבען. (נבל קומט אַרײַן האַלטענדיג צװײא בילדער אין האַנד).

זאָל די קײזערין סיסרא זעהען — זאָגט נבל צײַגענדיג די בילדער — די שײנע הערליכע פּיזיאָגנאָמיע פֿון די צװײא גרױסע פּרינצען. זעהט נור עָרפּה, רות. זעהט נור װיא גליקליך איהר װעט אײַך ברױכען שאַטצען, מיט אַזעלבע װאונדערשײנע מאַנער. (די קײזערין בעטראַכט די בילדער, אונ דערלאַנגט זײא עָרפּה'ן און רות).

איהר זעהט — זאָגט די קײזערין — װאָס פֿאַר אַ קײזערליכען חן עס ליגט אױף זײער הערליך געזיכט. די ריכטיגע שטראַהלען פֿון ערעקײט שײַנען דאָך אַרױס פֿון זײערע ליעבליכע טױבענאױגען.

די שטראַהלען — ענטפֿערט רות — ברענגען לײַדער אױס אונזערע אױגען. די שטראַהלען טראָקענען יעצט אױס דעם יונגען מאַרך פֿון אונזערע בײנער. אונזערע רײנע אױגען האָבען פֿערגעניגען נור פֿון די זילבערנע שטראַהלען פֿון דעם יודישען פֿאָלק, װאָס איז ריכטיג געגליכען צו די מאָנד, װאָס בעזיצט ניכט אימער גלײַך איהר שײנהײט. און יעצט מיר דענקען דאָס זיא פֿערליערט גאַנצליך איהר ליכט, פֿאַנגט זיא צוריק אָן צו שײַנען. (דער קײזער עגלון קומט אַרײַן זעהר שרעקליך בעטריבט).

נוא? — פֿראָגט עגלון — צו מײַנע טאָכטער האָבען שױן אַרױסגע־טריבען פֿון זײער קאָפּף זײער װילדען געדאַנק װאָס דער טײַפֿעל האָט זײא געגעבען?

נור אײן אײַנציגער טױט — ענטפֿערט רות ניכט אױפֿהײבענדיג איהרע אױגען — קאָן דעם גאָטליכען געדאַנק פֿערטרײַבען פֿון אונז. יעדע ליעבע

אִיז זעֶהר רִיזִינד, זעֶהר שטאַרק, נאָך מעֶהר ווען דִיא גאֶטלִיכעֶ פִילאָסאָפִיע שטעֶהט אִיהר צוּ הִילף.

געֶווִיס! — עֶנטפעֶרט ערפּה — נוּר דער אוּנבעֶרעֶכעֶנטעֶר געֶדאַנק, וואָס ווִיל אוּנז זיין דערגעֶגעֶן, אִיז זעֶהר פאַסעֶנד פאַר דעֶם טייפעֶל. ווייל דוּרך אִיהם קאָן אוּנז נוּר דאָס גרעֶסטעֶ אוּנגלִיק געֶשעֶהעֶן, דער בִיטעֶרעֶר טויט.

ניין! — שטאָרמט עֶגלון אוּן קלאַפּט אִין טִיש מִיט זיינעֶ פויסט — אִיך ווִעל מיין קייזעֶרלִיך וואָרט נִיכט צוּרִיק צִיהעֶן. דער אַרצט פּראָבִירט אַנפאַנגס צוּ פעֶרטרייבעֶן דִיא קראַנקהייט מִיט גוּטעֶ לִיעבלִיכעֶ מִיטלעֶן. אָבעֶר ווִיא עֶר זעֶהט דאָס דִיא קראַנקהייט לאַכט אוּיס דִיא מִיטלעֶן, אוּן זִיא ווִיל פוּן קעֶרפּעֶר נִיכט אָבטרעֶטעֶן. דאַמאָלס אִיז דער טרייעֶר אַרצט נעֶצווִינגעֶן, צוּ בעֶנוּטצעֶן זעֶהר שטרעֶנגעֶ בלוּטִיגעֶ מִיטלעֶן. אִיך אַלס טרייעֶר פאָטעֶר, ווִיל אייעֶרעֶ גייסטלִיכעֶ קראַנקהייט אוּיסהיילעֶן, מִיט לִיעבלִיכעֶ געֶלאַסעֶנעֶ מִיטלעֶן. אוּן ווִיען אִיהר ווִילט נִיכט געֶהיילט ווערעֶן, צווִינגט מִיך מיינעֶ עֶהרלִיכעֶ פאַטעֶרלִיעבעֶ, צוּ בעֶנוּטצעֶן שטרעֶנגעֶ טִיראָנִישעֶ מִיטלעֶן, נִיכט אַלס שטראָף אָדעֶר ראַכעֶ, נוּר אַלס טריישאַפט צוּ מיין אייגעֶן בלוּט אוּנ פלייש. פִיעל טייכעֶן מעֶנשעֶנבלוּט קאָנעֶן דאָס קייזעֶרלִיכעֶ וואָרט נִיכט אָבוואַשעֶן, קאָן דאָס בלוּט זאָגאַר זיין פוּן זיינעֶ אייגעֶנעֶ לִיעבעֶ קִינדעֶר. (רוּת נעֶמט אָן ערפּה'ס האַנד, אוּנ געֶהעֶן צוּזאַמעֶן אַרוּיס מִיט זעֶהר אַ בִיטעֶרלִיך נעֶוויין).

נבל! — זאָגט עֶגלון — עֶס אִיז זעֶהר גלייך אַהעֶר צוּ רוּפעֶן דִיא צווייא יוּדִישעֶ יוּנגעֶן מחלון אוּנ כליון. דִיא זאָלסט מִיט זייא זעֶהר שטרעֶנג ריידעֶן, דאָס זייא זאָלעֶן צוּרִיק פעֶרלעֶשעֶן דִיא פייעֶרדִיגעֶ לִיעבעֶ, וואָס זייא האָבעֶן אָנגעֶצִינדעֶן אִין מיינעֶ טאָכטעֶרס ווייך האַרץ. דִיא קאָנסט זייא זאָגעֶן מִיט נוּין נאָהמעֶן, דאָס ווען זייא ווִעלעֶן דאָס נִיכט ווִיא אַמ־שנעֶלסטעֶן טוּהעֶן, ווִעל אִיך הייסעֶן דוּרכשניידעֶן אַלעֶ יוּדִישעֶ העֶלזעֶר, זאָגאַר דִיא העֶלזעֶר פוּן זייעֶרעֶ שוועֶנגעֶרעֶ פרוֹיעֶן אוּנ זייגעֶדִיגעֶ קִינדעֶר, מִיט דִיא שאַרפסטעֶ בלוּטִיגסטעֶ שווערדעֶן.

לִיעבעֶר קייזעֶר! — זאָגט נבל זעֶהר קאַלטבלוּטִיג — אִיך האָב אַ ווִיכטִיג מִיטעֶל, דאָס דִיא צווייא שמוּטצִיגעֶ יוּנגעֶן מחלון אוּנ כליון זאָלעֶן שנעֶל פעֶרמאוּסט ווערעֶן אִין דיינעֶ טאָכטעֶרס בעֶצוּיבעֶרטעֶ אוּיגעֶן.

אַך! — זאָגט עגלון — ווִיא דאַנקבאַר ווִעל אִיך מִיט מיינעֶ פרוֹיא דִיר עֶווִיג זיין. זאָג מִיר שנעֶל דאָס מִיטעֶל.

דאָס — ענטפּערט נבל — איז זעהר אַ לײַכט מיטעל. איך װעל די צװײא יונגען צװינגען דורך אונזערע פּאָליצײא, זײא זאָלען אויף זיך טראָגען, נור אַלטע שמוטציגע ברודנע אויך צוריסענע קלײדער. זײא זאָלען ניכט אויסקאָמען זײערע האָאר פון קאָפּף, אויך ניכט װאַשען זײער געזיכט. זײא זאָלען אַ גאַנצען טאָג בעשעפטיגט זײן מיט דעם רײניגען דאָס מיסט פון די גאַסען, דורך דעם אַלעם װעלען זײא דעם מענשליכען גלאַנץ פערלירען, דאָס ניכט דײנע קײזערליכע טאָכטער, נור די ניעדריגסטע דיענסטען װעלען אויך ניכט װעלען הײראַטען מיט זײא. (עגלון שמײכעלט זעהר צופריעדען פון דעם מיטעל, און גלעטעט נבל׳ס געזיכט).

זעהר גלײך — זאָגט עגלון — דער פּלאַן איז זעהר אויסהאַלטענדיג.

מיר — זאָגט די קײזערין — געפעלט אויך דער פּלאַן. (מען הערט פּלוצלונג זעהר אַ שרעקליך געװאַלד פון גאַס. די סאָלדאַטען טראָגען אַרײן ערפּה׳ן אין די זאַאל, און זעטצען זיא אויף די שטוהל. איהרע אויגען פערמאַכט, דער קאָפּף פאַלט איהר אַרונטער װיא טויט. עגלון מיט די קײזערין אויך נבל לויפען צו זעהר דערשראָקען, און הײבען זיא אָן צו מינטערן).

געװאַלד! — שרײט די קײזערין מיט געװײן — פאַר װאָס ברענגט מען ניכט דעם אַרצט? שנעל! געשװינד!

זיא — זאָגט נבל — איז פערגיפטעט. ברענגט שנעל דעם אַרצט. שנעל! (רות קומט אַרײן צו לויפען מיט דעם קײזערליכען הויזאַרצט דליאָ, ער בעטראַכט זיא ניכט לאַנג).

זיא — זאָגט דליאָ — האָט זיך פערגיפטעט. נור בערוהיגט אײך, זיא װעט גלײך געזונד װערען. (ער נעמט אַרוים פון טאַש אַ קלײן פלעשעלע, און גיסט אין איהר מויל אַרײן. זיא עפענט גלײך איהרע פערװילדעטע אויגען, און בעטראַכט זעהר שרעקליך אַלע מענשען װאָס שטעהען אַרום איהר); טראָגט זיא גלײך אין שלאָפצימער אַרײן, איך װעל איהר דאָרט געבען אַ בראַכמיטעל. (מען טראָגט זיא אַרוים).

אַזױא — װײנט רות און רײסט איהרע האָאר פון קאָפּף — איז דאָס טרײשאַפט פון אונזערע קײזערליכע עלטערען. זײא ליבען טויטע שטײנערנע אָבגאָטער. און האַסען זײערע אײגענע ערלע לעבענדיגע קינדער. ניכט

אומזאָנסט האָט דער יודישער גאָטליכער מאָזעס געזאָגט, דאָס די מאַנס־
פערזאָהנען פון אונזער פאָלק מואָב, זאָל מען ניכט אַרײַננעמען אין יודישען
פאָלק.

ניין! — שרייט עגלון זעהר שרעקליך אַרויסציהענדיג זײַנע שווערד —
פערפאַלען איז מײַן קײַזערליך וואָרט! קאָן דאָס מײַן לעבען צוזאַמען מיט מײַנע
קינדערס לעבען קאָסטען! ראַכע פון אַלע יודען! ראַכע! (די פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטער אַקט.

(רות שטעהט זיך איינע אַליין אין איהר פאָטערס קײַזערליכע זאַאל,
און זינגט מיט זעהר אַ טרויעריגע שטימע).

דיא בלוטיגסטע טהיערע פון וואַלד
וואָלטען אויך געמאַכט אַ געוואַלד
אויף מײַן פאָטערס בײַזען גײַסט.
צו זײַן איינען פליישׁ, זײַן איינען בלוט
האָט ער אַ שרעקליכען ווילדען מוטה
און טוהט אַלעס וואָס גבל הײַסט.

*
* *

מײַן געליעבטענס הערליכע געזיכט
וואָס שײַנט וויא דיא זאָנעס ליכט
בעשמוטצט ער מיט קליידער פון מיסט.
יעצט ליעב איך איהם נאָך מעהר
דאָס איז נעגען מיר קײַן געוועהר
אַך וויא עדעל דיא כליון ביסט.

(כליון האָרכט איהרע שטימע שטעהענדיג הערטיערט אויף דעם קײַזער־
ליכען הויף. ער שטעלט זיך שנעל אַרויף אויף דעם געזימס פון דיא מויער,
און קוקט צו איהר אַריין אין פענסטער. רות לויפט שנעל צו איהם).

טהייערער כליון! — פראגט רות — וואס האסט דיא גאטעס-קינד מיר ביים געבראכט?

יא ליעבע רות! — ענטפערט כליון — דער אונפערשעהמטער גרויס-פירשט נבל, האט מיך מיט נעוואפענטע סאלדאטען אהער געבראכט. ער האט צו מיר געעפענט א פיל מויל מיט געפאהרליך פייער, אויך האט ער מיך איינינגע מאהל מיט זיינע ריזינדע פויסט געשלאגען, ווייל איך האב אין דיין הארץ א עוויגע ליעבע פערפלאנסט צו מיר אונ צו מיין גאטליך גלויבען. ער האט מיך יעצט איבערגעגעבען אין דיא האנד פון דיא גאסענקערערס, מען זאל מיר אנטוהען זעהר שמוטציגע צוריסענע קליידער. אויף מיינע האאר זאל קיין קאמם ליגען, אונ מיין געזיכט זאל מיט קיין וואסער געוואשען ווערען. ער איז זיכער, דאס דורך דעם שמוטץ, וועסט דיא פון מיר אוועגבייגען דיינע ליעבליכע אויגען, אונ וועסט הייראטען מיט דעם פרינץ.

שועק ניכט ליעבער כליון! — בערוהיגט איהם רות אונ גלעטעט זיין געזיכט זעהר ליעבליך — אויף אונזערן ליעבע-קאנטראקט, האט דער יודישער ווארהער גאט זיין עוויגען גאטליכען זיגעל געלייגט. דעם זיגעל קאן קיינע קייזערליכע האנד אבמעקען.

אבער — פראגט כליון — וויא קאן מען פערטראגען דיא גרויסע אומנאטורליכע שאנדע? דיא ווייסט דאך ליעבע רות, דאס איך בין ביים מיינעם רייכען זעליגען פאטער בענויא קייזערליך ערצויגען געווארען. גאט ווייסט, צו מיינע אלטע מוטער נעמי, וועט ניכט בעהיטע גאט דורך מיינע שאנדע איהר לעבען פערלירען, אדער פערריקט ווערען?

בערוהיג דיך — טרייסט איהם רות — אויך בערוהיג דיינע ליעבע מוטער. דאס אלעס איז ניכט מעהר וויא א דונקעלער לייכטער וואלקען, וואס וויל פערפינסטערן אונזערע הערליכע ליעבע. דיא וועסט אין קורצען זעהען, וויא דער מינדעסטער ווינט וועט דאס אלעס שנעל פערטראגען. דיין קערפער וועט ניכט לאנג טראגען דיא שמוטציגע קליידער, אבער מיינע זעעלע האט פיעל יאהרען געטראגען א שמוטציג גאטצענגלויבען. זייא רוהיג כליון, פערליר ניכט דיין מוטה, איך שווער דיר נאך איינמאהל צו בייא מיין לעבען, דאס איך נור איך בין דיינע עוויגע געליעבטע, אונ וועל מיט אנדערן ניכט הייראטען.

ליעבע רות! — ענטפערט כליון קושענדיג איהרע האנד — דיינע

-עֶצטִיגֶע טרײַסטלִיכֶע וואָרטער, פלִיסען וויִא דער טהײַערסטער באַלסאַם
אויף מײַן פערבִיטערט האַרץ. (דער סאָלדאַט קומט צום פענסטער מִיט אַ ווילד
געשרײַא, און שלעפּט אִיהם מִיט געוואַלד אַוועג).

אִיך — שפּרִיכט רות — טרײַסט מִיךְ אַלײַן. דאָס פּאָרִיגע פִּינסטערנִיס
פערגרעסערט נאַכדעם דעם געשמאַק פון דעם לִיכטִיגקײַט. נײַן, עס טוהט
מִיר נִיכט באַנג, וואָס אִיךְ האָב מִיט אַ יודִישען יונגע אַ עוִויגע לִיעבע געש-
לאָסען, אַזויא וויִא אִיךְ האָב אויף דעם מײַן לִיעד פערפאַסט:

אִין אַ גאָטצען-ווִיעגעלע האָט מען מִיךְ געווִיעגט
מִיט אַ נאַרִישׁ גלויבען האָט מען מִיךְ ערצויגען.
דאַרִיבער האָב אִיךְ מִיךְ זעהר אָפט געקרִיעגט
מִיט אַ צובראָכען האַרץ און פערוויינטע אויגען.

* *
*

טאָג און נאַכט האָב אִיךְ נור געווײַנט
מײַן האַרץ וואַהר זעהר אָפט בעטרִיעבט.
דאָס יודִישע גלויבען האָט מִיר יעצט ערשײַנט
און האָב מִיךְ אִין אִיהר תורה פערלִיעבט.

* *
*

אויף פִילאָסאָפִישע קלוגע פונדאַמענטען
אִיז דאָס גלויבען מִיט פערשטאַנד געשטעלט.
פִיעל פאַקטען, פִיעל לאָגִישע דאָקומענטען
אויף אִיהר גאָטהײַט, זעהט דִיא וועלט.

* *
*

דאָס גלויבען האָט קײַנע גאָטצען קײַנע בִילדער
נור אײַן גאָט וואָס אִיז רִיכטִיג און וואָהר.
נִיכט מִיט געראָש אויךְ נִיכט מִיט געפִילדער
האָט ער לענגסט בעשאַפען דִיא גאַנצע נאַטור.

* *
*

עָר האָט קיין קערפּערליך געשטאַלט
פון ערדישע געפיהלען איז ער ווייט.
עס איז איהם אימער ניכט הייס, ניכט קאַלט
ער איז ניכט לאַנג, אונ אויך ניכט ברייט.

* *
*

פון דיא חָכְמָה איז ער דער גייסט
פון דיא פילאָסאָפיע איז ער דער קוואַל.
ער איז קיין גאָט וואָס עסט אונ שייסט
אונ ברויכט קיין וואַגען, קיין פערד פון שטאַל.

* *
*

יעצט ליגט מיין פאָטער אויף דיא ערד
צו אַ אָבגאָט טוהט ער זיך ביקען.
ער גיבט איהם אַ גאָטליכען ווערטה
אונ בעט פון איהם פערשיעדענע גליקען.

* *
*

מיין מויל מוס איך האַלטען פערמאַכט
נור אינווענדיג טוהט מיין האַרץ לאַכען.
זייערע אויגען פינסטער וויא דיא נאַכט
אַ גאָט פון שטיינער טוהען זייא מאַכען.

* *
*

ביי זייער גלויבען קאָן איך ניכט בלייבען
נור דיא יודישע רעליגיאָן וועל איך האַלטען.
פון מאָזעס-געזעטץ וועט מען מיך ניכט פערטרייבען
מאָזעס וואָס האָט דעם מעער געטוהען שפּאַלטען.

* *
*

נור מיט כליון ווען איך הייראַטען
פון דעם פרינץ בין איך זעהר ווייט.
איך וויל ניכט זיין אונטער יבינ'ס שאַטען
זיין לעבען איז נור אַ בלוטיגער שטרייט.

(ערפה קומט אַריין זעהר איבעררַאשט, אונ האַפּט אָן רות'ס האַנד).

רות! — ערצעהלט ערפה — דער גרויספירשט נבל ערצעהלט יעצט דיא עלטערען, דאָס דיא צוויא פרינצען קומען גלייך אַהער.

נור רוהיג — ענפערט רות — מיר ברויכען וויסען, וויפיל גראַט היטץ אונ קעלט ברויכט אונזערע יעצטיגע ראָליע האַלטען. דיא צוויא גרויסע קייזערליכע זאָהנע, ברייכען מיר פיעל פריינדשאַפט צו צייגען. אָבער זעהר וועהניג ליעבע. (עגלון קומט אַריין מיט דיא קייזערין אונ מיט דעם גרויספירשט נבל. זייא זעטצען זיך אַלע צום טיש).

איך — זאָגט עגלון צו ערפה'ן אונ רות — בעט אייך יעצט נאָך איינמאָהל ליעבע קינדער, איהר זאָלט אייך ערבאַרמען אויף אייער אַלטען פאָטער. איהר זאָלט האָבען רחמנות אויף אייערע שוואַכע מוטער, אויך זאָלט איהר טרייא זיין אייער גאַנץ לאַנד, אונ איהר זאָלט זעהר ליעבליך צו נעמען דיא צוויא גרויסע קייזערליכע קינדער, וואָס זענען נור צו ליעב אייך אַהער געקומען צו פאָהרען. איהר זאָלט ריידען מיט זייא זעהר פיין אונ זיס. געדענקט ליעבע קינדער, דאָס ווען דיא פרינצען וועלען אַהיים פאָהרען ניכט צו פריעדען, קאָן זייער פאָטער מיך זעהר לייכט פעראונגליקען, אונ רויט מאַכען אונזערע ערד מיט אונזערע איינוואָהנערס אונשולדיגע בלוט.

שרעק ניכט — ענטפערט דיא קייזערין — אונזער אייגען בלוט אונ פלייש וועט אונז קיינע שמערצען פערשאַפען. (דיא יודישע וויטווע נעמי קומט אַריין מיט איהרע צוויא זאָהנע מחלון אונ כליון אָנגעטוהען זעהר אַלטע צוריסענע מיסטקלייִדער. ערפה אונ רות האָבען גלייך אָנגעהויבען צו וויינען מיט גרויס מיטלייד).

גרויסער קייזער! — ביטערט נעמי — מיין טהייערער מאַן אלימלך

איז יעצט ניכט לאַנג געשטאָרבען, אונ ער האָט מיר מעהר קיין טרייסט איבער געלאָסט אויף דיא וועלט, וויא דיא צוויא ליעבע זאָהנע מחלון אונ כליון. איך שטעה שוין אויף דיא שוועל פון מיין לעבען. אונ איך געפין מעהר קיין פערגעניגען, אויסער פון מיינע צוויא טהייערע קינדער, וואָס האָבען נאָך קיין שלעכטעס געטוהען אין זייער גאַנצען לעבען. זייא געהען אימער אין דיא גלייכסטע וועגען, אונ האָבען זיך זעהר אַ שיינעם נאָהמען געקויפט מיט זייערע גוטע זוטען. איך האָב דיא פיינע קינדער בענויא קייזערליך ערצויגען. פון דיא טהייערסטע זיידעשטאָף האָב איך זייא דיא שענסטע אַנצוגע געמאַכט. מיט דיא טהייערסטע געשמאַקען האָב איך זייערע האָאר געפוצט. אונ יעצט האָט זייא דער קייזער זעהר אונשולדיג פערשעהמט. פאַר וואָס זאָלען זייערע גאָלדענע קערפּערס טראָגען אַזאָלכע שמוטציגע מיסטקליידער? ליעבער קייזער! דיא ברוכסט פער־שטעהן דאָס ניכט זייער קערפּער ווערט מיט דעם בעשמוטצט, בעשמוטצט ווערט נור מיט דעם אונרעכט, דער, וואָס האָט זייא געהייסען מיט געוואַלד בעשמוטצען.

קאָמערדיענער! — רופט נבל מיט צאָרן — ווער האָט דיר ערלויבט אַריין צו לאָסען דיא צוויא שמוטציגע מיסטיונגען?

דער גאָטליכער חן — ענטפערט דער קאַמערדיענער — וואָס שיינט אויף זייער געזיכט, האָט מיר דאָס ערלויבט. (ערפה אונ רות פריידען זיך זעהר).

נעמי! — זאָגט עגלון — אויסער דיינע קינדערס יעצטיגע שאַנדע, וועל איך הייסען מיט איינמאָהל אויסקוילען אַלע יודען פון גרויס ביז קליין. ערקלעהר מיר וויא אַזויא האָבען זיך דיינע צוויא שמוטציגע זאָהנע געקאָנט ערלויבען, צו פערשפרייטען אַ געפאָהרליכע ליעבע־נעטץ, אונ פאַנגען מיינע צוויא קייזערליכע טאָכטער? דער גרויסער קייזער יבין וויל, דאָס זייא זאָלען הייראַטען מיט זיינע צוויא וועלטבערוהמטע פּרינצען, וואָס געהען גלייך נאָך זייערע האָבצייט אויף דעם קייזערליכען טראָן אַרויף. אונ דיא פערפלוכטע יודישע וויטצוגע ווילסט, דאָס זייא זאָלען מיט דיינע צוויא יודישע לומפּען הייראַטען? וואָס קומט דיא אונפערשעהמטע הונד, וואָס שפּרינגען אַרויף אויף דעם קייזערליכען טיש, אונ חאַפּען איהם אַוועג זיין בעסט עסען? זאָג דיא אַליין זייער שטראָף.

אַזאָלכֶע אויסגעלאַסענֶע הונד — ענטפֶערט נבל — קומט גלייך צו שיסען. (ערפה אונ רות הייבען אָן זעהר צו שרעקען).

איך — פערטיידיגט נעמי — קאָן דיר געעהרטער קייזער זעהר אַ ריכטיגען אַנטוואָרט געבען. גלויב מיר דאָס מיינע צוויא זאָהנע שטעהען ניכט מיט אַלע בעציהונגען ניעדריגער פאַר דיא צוויא פּרינצען. ווען דיא ווערסט מיינע קינדער אָנטוהען דיא פּרינצענס גאָלדענע קליידער, ווערסט דיא דאַמאָלס זעהען דאָס זייא זעהען פיעל שענער אויס פאַר זייא. אונ ווען דיא ווערסט דיא פּרינצען אָנטוהען דיא מיסטקליידער, ווערלען זייא פיעל שאַנדליכער אויסזעהען פאַר מיינע קינדער. נור מיט דיא איינציגע זאַך שטעהען דיא פּרינצען העכער פאַר מיינע צווייא זאָהנע, דאָס ווען זייא ווערלען קוילען טויזענדער אונשולדיגע מענשען, ווערט זייא דאַפיר קיין שטראָף קומען. אונ ווען מיינס אַ קינד זאָל דעם בעזויפענעם סאָלדאַטס עהרע רירען, ווערט מען איהם גלייך אויף שטיקער צו רייסען. אויך קאָן איך ווירקליך ניכט פערשטעהן מיינע זאָהנעס זינד? זאָלען דיינע טהייערע טאָכטער אין מיין געגענווערט זאָגען, אויב מיינע זאָהנע האָבען אויף זייא נעטצען פערשפּרייט? וואָס זענען דען מיינע עדלע קינדער שולדיג, ווען דער ליעבער גאָט האָט זייא געשאָנקען אַזויא אַ זיסען חן, דאָס קייזערליכע טאָכטער ווילען פון איהם געניסען? וואָס פאַר אַ שולד האָבען דיא שיינע פּפויען, ווען דעם קייזער האָט געפאָלען זייערע וואונדערהערליכע פעדערען, אונ האָט מיט זייא זיין הוט פערפּוצט? אויך ברויכסט דיא גרויסער קייזער וויסען, דאָס ניכט מיט דעם וואָס איך וועל האָבען צוויא קייזערליכע פּרינצעסען פאַר שוויגערטאָכטער וועל איך לענגער לעבען. דיא יודישע פילאָסאָפישע רעליגיאָן האָט אונז פערוויטערט פון דיא פאַלשע עהרע, אונ זיא האָט ביי יעדען אויפגעקלעהרטען מענש קיין ווערטה. אונזער הייליגער פּראָפעט מאָזעס, איז אויך ערצויגען געוואָרען אַלס קרוינפּרינץ אין דעם עגיפּטישען קייזערס פּאַלאַסט, אונ ער האָט דיא פאַלשע עהרע גאָנצליך אַוועגגעשמיסען פון זיך, וויל דיא קערפּערליכע עהרע איז מעהר ניכט וויא שפּינוועב, אונ דיא גייסטליכע עהרע איז וויא שטאַהל אונ אייזען. דאַדורך בעט איך דיך געעהרטער קייזער, דיא זאָלסט מיינע אונשולדיגע קינדער ערלויבען אויסטוהען דיא שמוטציגע מיסטקליידער, אונ איך וועל דיר הייליג צו שווערען, דאָס מיינע זאָהנע ווערלען מיט דיינע טאָכטער ניכט הייראַטען. (ערפה אונ רות קוקען זיא זעהר בייז אָן. עגלון בעמערקט דאָס פון וויטען).

אונ איהר מחלון אונ כליון — פראָגט עגלון — ווערט האַלטען אייערע מוטערס שבועה? זאָגט מיר דיא וואַהרהייט.

גרויסער קייזער ! — ענטפערט כליון — וואס פאר א קלוגען אנטוואָרט
איך וועל דיר געבען טראָגענדיג דיא יעצטיגע מיסטקליידער . וועט דער
אנטוואָרט קיין מינדעסטען ווערטה האָבען אין דיינע אויגען . דיא שיינע אויס־
חענדיגע שאָהל פערגרעסערט דעם גוטען געשמאק פון יעדע פרוכט . דאַדורך ,
ערלויב אונז צוריק אָנצוציהען אונזערע פאָריגע קליידער , וועסט דיא דאַמאָלס
זעהען , וויא וואָהר , וויא לאָגיש , אונזער אַנטוואָרט איז .

איך — זאָגט עגלון — ערלויב איך . געהט אונ וועקסעלט שנעל איבער
אייערע קליידער , נור קומט גלייך צוריק . (וויא נעמי איז אַרויסגעגאַנגען צו־
זאַמען מיט איהרע זאָהנע , איז דער קאַמערדינער אַריינגעקומען זעהר
איבעראַשט) .

צוויא פרינצען אַביאָר אונ אליפז — זאָגט דער קאַמערדינער —
ווילען אַריין געהן .

נבל ? — זאָגט עגלון — געה בעט זייא אַריין . (נבל געהט אונ קומט
אַריין מיט דיא פרינצען אַביאָר אונ אליפז . עגלון מיט דיא קייזערין נעמען
זייא זעהר פריינדליך צו , אונ שטעלען פאָר ערפה'ן אונ רות . זייא זעטצען
זיך אַלע זעהר ליעבליך צום טיש . דיא טהייערע מוזיק איז זייא מקבל־פנים
מיט דעם קייזערליבען הימנען . אונ זייא האַלטען נור בייא איין קוקען אויף
דיא קייזערליבע טאָכטערס שוינהייט) .

קאַמערדינער ! — רופט דיא קייזערין וויא דיא מוזיק האָט אויפ־
געהערט — דערלאַנג שנעל זיבען בעכער ווין צום טיש . (דער קאַמער־
דינער לויפט אַרויס) .

געעהרטער קייזער ! — פראָגט אַביאָר — ביסט דיא אין דיין לאַנד צו־
פריעדען פון דיא יודען ? אין אונזער לאַנד פערשאַפען דאָס ביסעל יודען גרויסע
שמערצען . דיא פאָליציא , אויך דיא ריכטערס , זענען נור מיט דיא יודען
בעשעפטיגט . איידער מיר זענען אַהער געפאָרען , האָט מיין פאָטער געהאַלטען
אונטער צו שרייבען , מען זאָל איין יוד ניכט איבערלאָסען אין אונזער לאַנד .

מיט דיא צייט — ענטפערט עגלון — וועל איך דאָס זעלבע מאַכען .
דאָס לאַנד וואָס איך האָב פון דיא יודען צוגענומען , איז אַ בינענשטאָק פיל מיט
האָניג , אָבער עס איז שוין ניכט אויסצוהאַלטען פון דיא גיפטליכע בינען ,
וואָס לאָסען ניכט אָב קיין בלוהם , קיין רויז , פון אונזער גאָרטען . (מען
ברענגט אַריין דעם וויין) .

איך — זאגט רות — קוק אויף דעם יודישען פאלק מיט אנדערע אויגען. דיא וועלטגעשיכטע ערצעהלט אונז זעהר ריכטיג, דאס אין יעדען יוד געפונט זיך בי"ים קיזערליך בלוט. דיא יודישע היליגע תורה ערצעהלט, דאס אונזערע יודישע אויערען האבען בייא דעם בארג סיני געהערט גאטס שטימע: „איהר זענט נור מיינע קנעכט, אבער ניכט קנעכט בייא קנעכט!" אויך האט דער יוד זעהר רעכט מיט זיין לאגיש שרייען, מיט זיין ריכטיגען פראטעסט, פאר וואס מען פערגלייכט ניכט זיינע רעכטע מיט אלע אנדערע איינוואהנער, אונ מען פערביטערט זיין לעבען מיט פערשידענע גזרות, וואס צווינגען איהם צו טוהען געגען קייזערליכען געזעטץ. דיא ווילדעסטע וואלדטהיער פרעסט קיין אנדערע טהיער ניכט, ווייל דיא ערד איז פאר איהר ניכט בעגרענעצט אונ געפונט איבעראל איהר ארט. אבער איין פיש שלינגט דעם צווייטען, ווייל דיא נאטור האט איהם זיין ארט בעגרענעצט נור אין וואסער ניכט אויף דיא טראקענים. יעדע נויט בעזיצט זעהר א ריזינדען קראפט, אוועג צו פיהרען דעם קלוגסטען פיינסטען מענש פון דיא ריכטיגסטע וועגען.

ליעבע פרינצעסין! — ענטפערט אליפז — דיא האסט יעצט ליידער פערגעסען, דאס ווען מען בעגרענעצט ניכט דעם יוד, אונ מען לאסט איהם געניסען פון דיא גאנצע פרייהייט, דאמאלס זענען אלע פעלקער וויא פיאקס אין זיין פייערדיגען פערשטאנד. ווען דער יודישער העלד מאזעס וואהר קראפטיג, האט ער זעהר שטרענג געהייסען אויסמעקען דעם נאהמען עמלק פון אונטער דיא זונן, אונ איין זעלע ניכט איבערלאסען פון דעם וועלטגעצייכענטען פאלק. דער עגיפטישער קייזער פרעה האט זעהר ריכטיג געשראקען, דיא יודען זאלען ניכט קראפטיגער ווערען אין זיין לאנד, אונ וויא זייא זענען נור עטוואס שטארקער געווארען, האבען זייא גלייך געפונען פיעל בלוטיגע מיטלען, צו פערהונגליקען דאס גאנצע עגיפטישע לאנד. מיין קלוגער פאטער האט זעהר ריכטיג געזאגט, דאס דער יוד איז אין לאנד, וויא דער קליינער געפאהרליכער בלוטסטראפף אין דעם גרויסען איי.

דיא אורזאכע — זאגט רות — איז, ווייל דער יוד בעזיצט זעהר א גאטליך פערשטאנד, יעדען צו ערקלעהרען, יעדען אויפמערקזאם צו מאכען, וועלכעס איז א גליק אונ וועלכעס א אונגליק. וועלכעס איז ריכטיג אונ וועלכעס פאלש. גראדע וויא דיא זוננע אין הימעל איז דער יוד אויף דיא אונדאנקבארע ערד, צו בעלייכטען פינסטערע אויגען וואס זעהען ניכט דיא ריכטיגע וואהרהייט. יא געעהרטער פרינץ! דעם זעלבען שלעכטען מיינונג

וואָס דיא האָסט יעצט געגעבען אויף דיא אונגליקליכע יודען, ברויכסט דיא אויך געבען אויף דיא הערליכע זאַנגע, אונ מען ברויכט זיא אויך פיינדען גראַדע וויא דיא פינסטערע שוואַלבען.

געווג שוין — זאָגט דיא קייזערין — טרונקט ליעבער ווייַן.

זעהר רעכט — זאָגט עגלון — טרונקט ליעבע טהייערע געסט. (זייא נעמען דיא בעכערס וויַין אונ טרונקען זעהר פריינדליך).

געעהרטער קייזער! — פראָגט אליפז — פיליייכט קאָנען מיר דאָס ערלויבניס בעקומען, צו פאָרען אויף דעם שפאַציער מיט אייערע טאָכטער?

מיט פערגעניגען — ענטפערט עגלון — פאַר וואָס דען ניכט?

איך — זאָגט רות — בין יעצט לייַדער ניכט בייא מיין בעסטען געזונד. (נעמי קומט אַריין מיט איהרע צוויא זאָהנע מחלון אונ כליון זעהר רייך אונ שיין געקליידעט. זייא נייגען זיך צום טיש מיט גרויס עהרע).

נוא — זאָגט עגלון — יעצט געהט איהר שוין זעהר שיין געקליידעט, אַלסדאַן וויל איך גערן הערען אייער אַנטוואָרט אויף אייערע מוטערס שבועה, דאָס איהר וועט ניכט הייראַטען מיט...

גענוג — זאָגט דיא קייזערין מיט פערדרוס — עס איז יעצט ניכט דיא צייט צו דעם.

עס מאַכט ניכט אויס! — ענטפערט עגלון — דאָס איהר וועט ניכט הייראַטען מיט מיינע צוויא טאָכטער.

איך דענק — זאָגט כליון — דאָס מיין יעצטיג אויסזעהען אַליין, איז דער ריכטיגער אַנטוואָרט. איך גלויב, דאָס אַזויא אַ הערליך שיין בילד, מיט אַזויא פיעל בילדונג, איז הוערט צו זיין אויפגעמאָהלט אויף דעם גאָלדענעם האַרץ פון אַ פרינצעסין. און ווען עס איז שוין געמאָהלט געוואָרען, איז יעדע שבועה צו שוואַך עס אָב צו מעקען. (רות צייגט זעהר אַ פרייליך צופריעדען געזיכט).

אונ וואָס — פראָגט אליפז — געהט עס דען דאָ? איהרע טאָכטער זענען דען שוין פערלויבט?

נײן! — ענטפּערט נבל — עס איז נור אַ שפּאַס.

חאַ־חאַ־חאַ! — לאַכט רות — עס איז קײן שפּאַס ניכט. אויף מײן רײן עהרליך הארץ, איז דעם יודישען יונגעם גאָטליבע פיזיגנאָמיע מיט עװיגע פאַרבען אויפגעמאָהלט געװאָרען.

דאָס הײסט — צאָרנט אַביאָר — מען האָט פון אונז שפּאַס געמאַכט? צו מיר קײזערליכע קינדער זענען צו אײך געקומען פלײסיג צו פאָהרען, מען זאָל אונז איבלאַכען און צוריק אַ הײם שיקען מיט װײסע פערשעהמטע געזיכטער? קום ליעבער ברודער! קום!

ביטע פערצײהונג — בעט זײא עגלון זעהר איבערראַשט — אײערע גרויסע עהרע איז בײא מיר פיעל טהײערער פאַר מײן גאַנצען לעבען.

װאָס הײסט דאָס? — זאָגט דיא קײזערין זעהר אונרוהיג — מיר װעלען פון אײך טהײערע פרינצען שפּאַס מאַכען?

נבל! — זאָגט עגלון — רוף שנעל אַרײן סאָלדאַטען און פיער מײנע בײדע אונפערשעהמטע טאָכטער אין אַ שטרענגען קערקער אַרײן. און דיא צװײא יודישע הונד, זאָלסט דיא נאָך צעהן טאָג אויפהענגען אין מיטען שטאָט, דערװײל זאָל מען זײא פערשפּאַרען אין דעם ביטערן קערקער װאָס איז אין פעסטונג. (נבל לויפט שנעל אַרויס. נעמי רות און ערפּה װײנען זעהר שרעקליך).

ליעבער מאַן! — בעט איהם דיא קײזערין און פאַלט איהם צו דיא פיס — האָב מיטלײד מיט דײן אײגען בלוט און פלײש.

מיטלײד? — ענטפערט עגלון מיט זעהר אַ פײערדיגען צאָרן — קײן רחמנות אויף אונזערע אײגענע מערדערס. (נבל קומט אַרײן מיט געװאָפענטע סאָלדאַטען. עס װערט זעהר אַ מאָראַליש געװײן. מען פיהרט אַרויס ערפּה'ן מיט רות בעזונדער, און מחלון מיט כליון אויך בעזונדער. נעמי געהט מיט אַרויס און װײנט זעהר ביטערליך. דיא קײזערין זעצט זיך אויף דיא שטוהל, און װישט איהרע טרערען מיט אַ װײס טוכעל).

װיא געפאָהרליך — זאָגט אליפז — װיא גיפטליך דער יוד איז! איך האָלט דאָס אין מײנעם לעבען ניכט געװאָלט גלײבען, דאָס דיא פינסטערע שמוטציגע שװאַלב, קאָן זיך ערלויבען צו װעלען הײראַטען מיט דעם אָדלער.

ווען דאָס זאָל אין מיין לאַנד פּאַרפּאַלען, וואָלט איך איין לעבענדיגען יוד ניכט איבערגעלאָסט. איך וואָלט דאָס מעער רויט געמאַכט מיט זייער געפעהרליך בלוט, אונ דיא הונד אָנגעזעטעט מיט זייער פלייש.

איך — ענטפערט עגלון — וועל מיך יעצט אָברעכנען מיט דיא יודען. איך וועל מיך פאַר זייא צייגען וויא פּרעה אין עגיפּטען. (ער נעמט אָן זיין קאָפּף מיט ביידע האַנד): אָה וועה! וואָס פאַר אַ שרעקליך אונגליק דיא יודען האָבען אויף מיר געבראַכט? שרעקליך! שרעקליך!

מיר — זאָגט אַביאָר — געהען יעצט אין האָטעל אַריין.

מיר — ענטפערט עגלון — וועלען אייך דאָרט בעזוכען. (זייא געהען אַרויס צוזאַמען מיט דיא קייזערין אונ מיט דעם גרויספירשט נבל).

אָה וועה! — ביטערט עגלון — וויא זעה איך יעצט אויס אין דיא צווייא פּרינצעננס אויגען? וואָס וועט יעצט דער קייזער זאָגען אויף דיא גרויסע שאַנדע פון זיינע צווייא געליעבטע קינדער? (נבל קומט צוריק אַריין): ראַכע! ראַכע! וועל איך נעמען פון אַלע יודען.

געדולד — זאָגט נבל — מאַכט אַלעס. דער קייזער וועט זעהען וויא דיא אַלע וואונדען וועלען זיך זעהר שנעל אויסהיילען. יעדע פּראַלייננס געדאַנק איז גראַדע וויא דאָס וואַסער וואָס בעקומט אָפּט אַ פערענדרונג. (דיא קייזערין קומט אַריין זעהר פערביטערט): זאָל זיך דער קייזער מיט דיא קייזערין זעטצען צום טיש אונ טרונקען דעם וויין. ווען דער קייזער פערלירט דעם מוטה, איז זעהר אַ שרעקליך אונגליק פאַר דעם גאַנצען לאַנד. (זייא זעטצען זיך צום טיש. דער קאַמערדינער טראָגט צו אַ פלאַש וויין, אונ נבל גיסט אָן דיא בעכערס).

געוויס! — זאָגט עגלון — דעם מוטה ברויכט מען ניכט פערלירען. ווער עס קאָן דאָס שלעכטע ניכט איבערטראָגען, קאָן צו דעם גוטען ניכט דרייכען. טרונק ליעבע פרויא. גענוג געוויינט.

מיינע ליעבע טאָכטער — ענטפערט דיא קייזערין — זיטצען אין קערקער, אונ איך וועל וויין טרונקען? ניין! גענוג בלוט האָב איך אויף מיינע קינדער פערגאָסען. אויך דיא ווילדעסטע טהיער קאָן ניכט פערלעשען איהרע מוטערליעבע צו איהרע אייגענע קינדער.

וואָס הייִסט דאָס ? — שרייִט עגלון — ווען דייִנע טאָכטער ווילען זיך פערגיִפטען , ברויכט דייִנע מוטערליִעבע דאָס ערלויבען ?

דאָס — ענטפערט נָבָל — איז פיִעל געפאָהרליִכער וויִא גיִפט. שטעלט אייך פאָר וויִא אייער קייזערליִך הויז וועט אויסזעהען , ווען אייערע טאָכטער וועלען מיִט דיִא צווייִא ניִעדריִגע יודען הייִראַטען . אַלע קאָניִגע פון דיִא וועלט וועלען זיך דאך פערוויִיטערן פון אייך . אויך ברויכט איהר וויִסען , דאָס דיִא יודיִשע תּורה הייסט האַסען אונ פייִנדען אונזער פאָלק מואָב , אונ דיִא צווייִא יונגען מַחְלון אונ כִּלְיון האַלטען זעהר פון דעם יודיִשען גלויבען , אונ זייִא וועלען זייִער אייגענעם שוויִגערפאָטער דיִא גרעסטע פייִנד זייִן .

אַך ! — ווייִנט דיִא קייזערין געהענדיִג אַרוים — וויִא קאָן איך לעבען אָהן מייִנע ליִעבע קיִנדער ? איך געה צו זייִא אין קערקער אַרייִן . פיִלייִכט וועל איך זייִ קאָנען איִבעררייִדען ? (זיִא. געהט אַרוים. עס קומט אַרייִן דער קאָנסאָל צְפון פון עַמון , אונ דערלאַנגט דעם קייזער אַ בריִליאַנטענע בלוהם , זיִנגענדיִג) :

דיִא בלוהם מיִט דיִא בריִליאַנטען
איז פון קייזער עַמון דייִן בעקאַנטען
אַלס פרעזענט טוהט ער עס שיִקען .
נעם דאָס צו מיִט פיִעל פערגעניִגען
איהר זאָלט אייך אימער ניִכט קריִעגען
שלום איז דער קוואַל פון אַלע גליִקען .

(עס קומט אַרייִן דער קאָנסאָל כָּלֵב פון עֲמָלֵק , אונ דערלאַנגט אַ גאָל-דענעם בעכער זיִנגענדיִג) :

דער קייזער עֲמָלֵק לעבט מיִט דיִר פייִן
ער שיִקט דיִר אַ גאָלדענעם בעכער צו וויין
אַלס עוויִגען פריינדליִכען צייִכען .
מיִט פריִעדען וויל ער מיִט דיִר לעבען
צו שטרייִטען וויל ער ניִכט שטרעבען
ער געהט אויף דעם וועג דעם גלייִכען .

(עס קומט אַרייִן דער קאָנסאָל נַבְרָן פון דיִא פְּלִשְׁתִּים , אונ דערלאַנגט אַ גאָלדען געשפאַן צו אַ רייִט-פערד . זיִנגענדיִג) :

דער פּרעזידענט פון דיא פְּלִשְׁתִּים'ס לאַנד
רייִבט דיר זעהר אַ פריינדליכע האַנד
און שיקט דיר דעם גאָלדענעם געשפּאַן .
ער טוהט דיך מיט דעם בעעהרען
נעם דאָס צו פון איהם זעהר גערן
דיא גרויסער קייזערליכער מאַן

(עס קומט אַריין דער יודישער ריכטער אֵהוּד, מיט זיינע געלעהמטע רעכטע האַנד. און איניגע יודען בעלייגען פערשיעדענע פרעזענטער . זינגענדיג):

דיא יודען האָבען בייא דיר קיין ווערטה
אָבער דיא בייא זייא ביסט זעהר בעעהרט
דאַדורך שיקען זייא דיר דעם פּרעזענט .
אַ גאָטליכען געהיים וויל איך ענטדעקען
פאַר אַ פרעמדען טוהע איך שרעקען
דעם געהיים ברויכען ניכט וויסען דיא ווענד .

(עגלון שטעלט זיך אויף פון זיינע קייזערליכע שטוהל, און זאָגט צוזאַמען דעם גרויספירשט נָבָל אין אויער אַריין) .

מיר — זאָגט נבל — ווען אַלע אַרויסגעהן . (נָבָל געהט צוזאַמען מיט אַלע אַרויס פון זאַאל, און אֵהוּד בלייבט אַליין איבער מיט דעם קייזער) .

זאָג מיר — זאָגט עגלון — איז דאָס ניכט אַ וויכטיגער געהיים פון מיינע צווייא הערטיערטע טאָכטער ?

צו דאָס — פראָגט אֵהוּד — איז ווירקליך וואָהר, דאָס דער קייזער הייסט אַלע יודישע אַיינוואָהנער ערמאָרדען ?

זאָגאַר — ענטפערט עגלון זעהר העלדיש — דיא יודישע שוואַנגערע פרויען מיט דיא זייגעדיגע קינדער . אוים מיטלייד מיט דעם געפאָהרליכען נאָהמען יור . דיא קאָנסט דיינע פרעזענטער אויך צוריק נעמען .

געגעדיגער קייזער ! — זאָגט אֵהוּד נייגענדיג זיך צום קייזער, און נעמענדיג

אַרוֹים אַ קְלֵיינֶע שאַרפֶע שְׁווערד פוּן אוּנטער זַיין קלֵייד מִיט זַיינֶע לִינקֶע האַנד, אוּנ שְׁטעכְט זִיא גְלֵייך אַרַיין אִין עֶגלוֹנ'ס בּוֹיך — נֶעם צוּ דֶעם יוּדִישֶׁען פּרֶעזֶענט. (אֶהוּד אִיז שְׁנֶעל אַנטלאָפֶען דוּרך דֶעם פאָרהוֹיז. עֶגלוֹן האַלט זִיך צוּ בַּייא דֶעם טִישׁ אוּנ עֶנדִיגט אַזוֹיא זַיין לֶעבֶען מִיט אוּמנאַטוּרלִיכֶע שְׁמֶערצֶען. וִויא נָבָל עֶפעֶנט דִיא פֶערמאַכטֶע טהִיר אוּנ קוּמט אַרַיין, פאַלט עֶגלוֹן אַנִידֶער אוֹיף דִיא עֶרד טוֹיט. עֶר לוֹיפט צוּ אוּנ זֶעהט דאָס שְׁרֶעקלִיכֶע אוּנגלִיק. נֶר עֶפעֶנט דִיא טהִיר מִיט זֶעהר אַ שְׁרֶעקלִיך גֶעוואַלד. עֶס הֵייבֶען אָן אַרַיין צוּ לוֹיפֶען פִיעל בֶּעאַמטֶע זֶעהר אִיבֶּערראַשְׁט, זֵייא הֵייבֶען זִיך אָן צוּ רֵייסֶען זֵייעֶרֶע האָאר פוּן קאָפּף. נָבָל צִיהט פוּן קֵייזֶערס בּוֹיך אַרוֹיס דִיא פֶערבּלוּטִיגטֶע שְׁווערד. דִיא קֵייזֶערִין קוּמט אַרַיין צוּ לוֹיפֶען זֶעהר ווִילד, אוּנ פאַלט אַנִידֶער אוֹיף דִיא עֶרד נֶעבֶען אִיהר טוֹיטֶען מאַן).

פּלוֹצלוּנג — קלאָגט דִיא קֵייזֶערִין — אִיז אוּנטֶערגֶעגאַנגֶען דִיא גלִיקלִיכֶע זאָנֶע פוּן מַיין לֶעבֶען. גֶעשְׁטראָפט בִּין אִיך גֶעוואָרֶען ווֵייל מִיר האָבֶען קֵיין מִיטלֵייד גֶעהאַט מִיט אוּנזֶער אֵייגֶען בּלוּט אוּנ פלֵיישׁ, אוּנ מֶען האָט מֵיינֶע בּאָכטֶער אִין קֶערקֶער פֶערשְׁפּאַרט אַזוֹיא ווִיא (זִיא צֵייגט מִיט אִיהרֶע האַנד אוֹיף נָבָל) דֶער מֶערדֶער האָט גֶעהֵייסֶען. בּרֶענגט שְׁנֶעל אַהֶער מֵיינֶע צְווֵייא אוּנגלִיקלִיכֶע טאָכטֶער. זאָלֶען זֵייא אוֹיך נאָס מאַכֶען זֵייעֶר לִיעבֶען פאָטֶערס קֶערפֶּער מִיט זֵייעֶרֶע עֶהרלִיכֶע טרֶערֶען. (אֵיין סאָלדאַט לוֹיפט שְׁנֶעל אַרוֹיס). ווער אִיז דאָס דֶער מֶערדֶער וואָס האָט דֶעם קֵייזֶער גֶעטֵייט?

דֶער מֶערדֶער — עֶנטפֶערט נָבָל — אִיז אַ יוּדִישֶׁער רִיכטֶער. עֶר הֵייסט אֶהוּד.

אִיך — ווֵיינט דִיא קֵייזֶערִין — האָבּ גלֵייך גֶעזאָגט מֶען זאָל דִיא יוּדֶען אַזוֹיא נִיכט פֵּיינִיגֶען. נוּר דִיא נָבָל בִּיסט שׁוּלדִיג אִין דֶעם שְׁרֶעקלִיכֶען אוּנגלִיק, דוּרך דֵיינֶע בִּיטֶערֶע גְזֵרוֹת וואָס דִיא האָסט גֶעגֶעבֶען אוֹיף דִיא אוּנגלִיקלִיכֶע יוּדֶען אִיז דאָס גֶעשֶׁעהֶען. (סאָלדאַטֶען קוּמֶען אַרַיין צוּ לוֹיפֶען צוּ נָבָל).

גֶעעֶהרטֶער גרוֹיספִירשְׁט! — עֶרצֶעהלט אֵיין סאָלדאַט — דִיא יוּדֶען האָבֶען בֶּערוֹיבּט דאָס גאַנצֶע גֶעווֶעהר פוּן אוּנזֶער פֶעסטוּנגט, אוּנ פֶערגִיסֶען אוּנזֶער בּלוּט אִין אַלֶע גאַסֶען.

אִיך — עֶנטפֶערט נָבָל — האָבּ קֵיין ראַטה נִיכט. מֵיינֶע גֶעדאַנקֶען זֶענֶען יֶעצט ווִיא פֶערוִּוירט. (עֶס קוּמֶען אַרַיין דִיא צְווֵייא פּרִינצֶען זֶעהר טרוֹיעֶרִיג).

יעֶצט — זאָגט אליפז — זעֶהט שוין דיא קײזערין וויא געֶפאֶהרליך דעֶר יוד איז ?

יאָ — ביטעֶרט דיא קײזערין אויפהײבעֶנדיג זיך פון דיא עֶרד — איך האָב פריהעֶר געֶזאָגט דאָס נֶבֶל פײניגט דיא יודעֶן צו פיעל . (דעֶר יודישעֶר דיכטעֶר אֵהוּד קומט אַרײן מיט פיעל יודישעֶ געֶװאָפעֶנטעֶ העֶלדעֶן) .

שנעֶל ! — זאָגט אֵהוּד — טראָגט אַרויס דעֶם עֶרמאָרדעֶטעֶן מעֶנשעֶנ־פרעֶסעֶר עֶגלון . מיר האָבעֶן נור ראַכעֶ געֶנומעֶן פון זײן ריזינדעֶן קעֶרפעֶר , אונ גאָט זאָל ראַכעֶ נעֶמעֶן פון זײנעֶ טהיערישעֶ זעֶעלעֶ , וואָס האָט זײנעֶ יודישעֶ קינדעֶר אַזויא געֶפײניגט . (דיא סאָלדאַטעֶן טראָגעֶן אַרויס עֶגלונ׳ס קעֶרפעֶר) . יעֶצט נעֶמט דיא צווײא פרינצעֶן , און פיהרט זײא גלײך אין קעֶרקעֶר אַרײן . אונ ווען זײער פאָטעֶר זָכִין ווִעט צוריק רופעֶן דיא ביטעֶרעֶ גְזֵרוֹת וואָס עֶר האָט אַרויסגעֶגעֶבעֶן אויף דיא אונגליקליכעֶ יודעֶן וואָס זיצעֶן אין זײן לאַנד . דאַמאָלס , נור דאַמאָלס ווֶעלעֶן מיר דיא פרינצעֶן בעֶפרײעֶן .

געֶדעֶנק — זאָגט אליפז — דיא וועֶסט דאָס זיכעֶר בעֶדויעֶרן . מײן פאָטעֶרס קראַפט איז אומנאַטירליך . עֶר ווִעט פון איך זעֶהר אַ בלוטיגעֶ ראַכעֶ נעֶמעֶן .

מיר — עֶנטפעֶרט אֵהוּד — ווֶעלעֶן פון איך מעֶרדעֶרס ראַכעֶ נעֶמעֶן . וויא וואַסעֶר האָט איהר אינזעֶרעֶ יודעֶנס אונשולדיגעֶ בלוט פעֶרגאָסעֶן , ווײל זײא האָבעֶן ניכט געֶוואָלט דיענעֶן צו אײעֶרעֶ שמוטציגעֶ גאָטציעֶן . איהר אַלעֶ זעֶנט ווילדעֶ בלוטזויגעֶר אין גאָלדעֶנעֶ קײזערליכעֶ קלײדעֶר . עֶס גיבט ניכט אַזויא אַ שוועֶהרעֶן ביטעֶרן טויט וויא איך קומט . דיא שעֶנסטעֶ געֶבילדעֶטעֶ מעֶנשעֶן זענעֶן אײעֶרעֶ שקלאַפעֶן . אײעֶרעֶ אונפעֶרשעֶהמטעֶ האַרעֶמס נאָגעֶן אויס זײער געֶלד צוזאַמעֶן מיט זײער לעֶצטען מאַרך פון זײערעֶ בײנעֶר . יודישעֶ העֶלדעֶן ! נעֶמט דיא צווײא שטאָלצעֶ פרינצעֶן , אונ פיהרט זײא גלײך אין קעֶרקעֶר אַרײן . ווען זײער פאָטעֶר ווִעט שווֶעהרן צו בעֶפרײען אונזעֶרעֶ אונגליקליכעֶ ברודעֶר פון זײנעֶ ביטעֶרעֶ גְזֵרוֹת , אונ ווִעט זײא גלײכעֶ רעֶכטעֶ געֶבעֶן . אויך ווִעט עֶר שוועֶהרעֶן עֶר זאָל מיט אונז קײן קריעג האַלטעֶן . דאַמאָלס ווֶעלעֶן מיר איך בעֶפרײען . שנעֶל פיהרט זײא אַרויס פון היער . עֶס ווִעט דאָ גליך זײן דיא האָבצײט פון מַחְלוֹן אונ כִּלְיוֹן מיט רוּת אונ עָרְפָּה . מעֶן ברעֶנגט זײא שוין אַהעֶר פון קעֶרקעֶר . (מעֶן פיהרט זײא אַרויס אין קעֶרקעֶר אַרײן . נָעֳמִי קומט זעֶהר פרײליך אַרײן מיט איהרעֶ צווײא זאָהנעֶ מַחְלוֹן אונ כִּלְיוֹן אונ עָרְפָּה מיט רוּת . דיא יודישעֶ העֶלדעֶן זינגעֶן צוזאַמעֶן) :

דעם שפּאַרבּער פון דיא יודישע טויבּען
האָט אָהוד מיט זיינע שווערד געטייט.
דער קייזער פון גאָטצישען גלויבּען
איז שוין פון אונז עוויג אָבּגעשייד.

* *
*

דיא צוויא יודישע קינדערס האָבציימען
וועלען מיר דאָ אָט יעצט מאַכען.
פריא פון קערקער, פריא פון קייטען
וואונדערליך זענען גאָטס זאַכען.

* *
*

שנעל מַחלון! כִּליון! גיבּט דיא רינגען
זייט מְקַדֵש עָרפּה'ן אונ רות'ן.
יעצט איז קיין צייט פון שפּיעלען, זינגען
מיר מוסען געהן בּלוט פערגיסען.

(מַחלון גיבּט עָרְפָּה'ן אַ גאָלדען רינגעל, אונ כִּליוֹן גיבּט רות'ן אַ גאָלדען רינגעל).

איהר אַלע — זאָגט מַחלון אונ כִּליון — זענט צייגע, דאָס עָרְפָּה אונ רות זענען פון יעצט אָן אונזערע עוויגע פרויען.

(אַלע זינגען צוזאַמען אין דיא צייט וואָס דיא פּאָרען צו קושען זיך):

מיר צייגע וואונשען אייך הַצלָחָה, גליק.
איהר זאָלט גליקליך האָבּען קינדער,
גאָטס הילף וויא איין אויגענבּליק
וויא גרוים זענען זיינע וואונדער.

(דיא פּאָרהאַנג פאַלט).

דְרִיטֶער אַקְט .

(אִין אַ שלאָפצִימֶער שטעהט אַ בעט , אִין אִיהם לִיגט כִלְיוֹן רוּת'נס מאַן ; זעהר שטאַרבּלִיךְ קראַנק . נעבּען אִיהם שטעהט אַ קלֵיין טִישעל מִיט פערשִיעדענע היילמִיטלען . אִין דִיא זייט זִיצט דִיא אַלטע מוּטער נָעֳמִי אוֹיף אַ שטוּהל זעהר בּעטרִיבּט אוּנ זעהר פערמאַטערט . זִיא שטעלט זִיךְ אוֹיף מִיט זעהר אַ בִּיטערן זִיפץ , אוּנ געהט צוּם בּעט זעהען צוּ אִיהר קראַנקער זאָהן שלאָפט . זִיא זעצט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף דִיא שטוּהל מִיט פערבּראָכענע האַנד) .

אִיךְ — בִּיטערט נָעֳמִי — האָבּ שוֹין קֵיינע קראַפטען מעהר . אִיךְ בּעניידע מֵיין גאָטזעעליגען מאַן אֱלִימֶלֶךְ , וואָס לִיגט זִיךְ רוּהִיג אִין זֵיין גראַבּען , אוּנ זעהט נִיכט וויא זֵיינע פרוֹיא מַרענקט אוֹיף אִיהר עלטער אִין אַ שרעקלִיכען מַטער מִיט בִּיטערע אוּנגלִיקען . פאַרגעסטערן האָבּ אִיךְ בּעגראָבּען מֵיין עלטען זאָהן מַחְלוֹן , אוּנ יעצט פעכט דער טוֹיט מִיט זֵיינע בּלוּטִיגע שווערד אוֹיף דעם קאָפּף פוּן מֵיין צווייטען זאָהן כִלְיוֹן . אַךְ וויא גרוֹיס , וויא שרעקלִיךְ , אִיז דִיא זִינד פוּן דעם מענש , וואָס וויל קֵיין אַנטהייל נעמען אִין זֵיין פאָלקס נוֹיט . מֵיין הייליגער מאַן אִיז געוועזען דער גְדוֹל־הַדוֹר . אִין אַלע גוּטע בּעציהוּנגען וואַהר ער אֵיינער צווִישען דִיא יוּדען . אִין זֵיין שאַטען האָט זִיךְ געפוּנען : תּוֹרָה , חָכְמָה , עֲשִׁירוּת , יִחוּס . אוּנ וויא דער גרוֹיסער הוּנגער האָט אָנגעהוֹיבּען צוּ פלאַקערן אִין דִיא שטאָדט בֵּית־לֶחֶם , אוּנ דִיא הוּנגערִיגע האָבּען טאָג אוּנ נאַכט געקלאַפּט אוֹיף אוּנזערע טהִירען , אִיז ער בּענוֹיא גע־צווִינגען געוועזען צוּ פאָרען אַהער נאַךְ מוֹאָב . דוּרךְ דִיא אֵיינצִיגע זִינד , זֵיינען אַלע גוּטע ענגלען פוּן אוּנז אַנטלאָפען , אוּנ זייער אָרט האָבּען פערנוּמען דִיא בּייזע טייפלען , צוּ פערבִּיטערן אוּנזער לעבּען מִיט דִיא שרעקלִיכסטע אוּנגלִיקען . דאָס ערשטע האָט דער טוֹיט מֵיין מאַן אַוועגגערוֹיבּט פוּן אוּנז , נאַכדעם אִיז מֵיין גרוֹיס פערמעגען פערשווִינדען געוואָרען . פאָרגעסטערן אִיז מֵיין עלטסטער זאָהן מַחְלוֹן געשטאָרבּען . אוּנ יעצט אִיז דער טוֹיט נאָךְ הוּנגערִיג , אוּנ שטעהט וויא אַ בּייזע ווילדע טהִיער אוֹיף צוּ פרעסען מֵיין לעצטען זאָהן כִלְיוֹן . דִיא גרעסטע , ערצטע זענען שוֹין פערמאַטערט פוּן שמִרייטען מִיט זֵיין טוֹיט , אוּנ לייגען אַוועג זייער מעדִיצִינִיש געוועהר . מִיט וועהמען וועל אִיךְ פִינסטערע אַלְמָנָה יעצט בּלייבּען ? לִיעבּער טוֹיט ! אִיךְ בּעט דִיךְ , בּערוּהִיג שוֹין דיין הוּנגער מִיט מִיר , אוּנ טרעט אָבּ פוּן דעם שיינעם יוּנגען בּוֹים , וואָס קאָן נאָךְ דִיא

שׁעֶנסטע טהײַערע פרוכטען שפּראָטצען. אַלע אָרצטע זאָגען, דאָס אין דיא צײַט וואָס מײַנע עדלע זאָהנע זענען אין דעם קאַלטען קערקער געזיטצען, האָבען זײַא זיך דאָרט פערקעלטעט, אונ האָבען אַ גאַלאָפּשווינדזוכט בעקומען. מײַנע טהײַערע שווינערטאָכטער רות איז געפאָרען צו דעם גרויסען צַדִיק בועז, ער זאָל גאָט בעטען אויף איהר ליבען מאַנס לעבען. פיליײכט וועט זײַן געבעט אָנגענומען ווערען, אונ דער ערבאַרמדיגער גאָט וועט צוריק אַ־ויסרײַסען־מײַן אײנציג אונשולדיג שעפּסעלע פון דעם ווילדען טויטס מויל.

ליבע מוטער! — קרעכצט כִלְיוֹן — איך וויל מיך אַביסעל אויפזועטצען אין בעט. עס איז מיר זעהר שווער צו ליגען אין דיא שטאַרקע שווײַס וואָס רינט אָהן אויפהער פון מיר. אָה וועה! (נָעֳמִי לויפט שנעל צו, אונ העלפט איהם אויפזועטצען אין בעט): טהײַערע מוטער! זעה נור וויא דיא זעהסט שוין נעבאַך אויס. נעם דיר צו עסען. וויא איז מײַנע ליבע פרויא?

זיא — ענטפערט נָעֳמִי — איז געפאָרען צום הײליגען צַדִיק בועז, ער זאָל בעטען גאָט אויף דײַן לעבען.

אָה וועה! — קרעכצט כִלְיוֹן — דיא קײזערליכע טאָכטער האָט נאָך בײַא מיר פון אײן גוטע מינוט ניכט געוויסט. פון דיא אונגליקליכע צײַט וואָס זיא האָט מיך ערקאָנט, איז זיא געוואָרען אַ ציעל צו אַלע געפאָרהליכע פײלען. געזיטצען אין פינסטערן קערקער. אָנגעזעטעט זיך מיט פערשידענע פײַן. געבליבען אָרם. ניכט געבראַכט קײן קינד אויף דיא וועלט. אָה וועה איז מיר! וועהמענס זינד לײדעט נעבאַך דיא זיסע אונשולדיגע טויב? פון אַלע פערגעניגענס איז מיר קײן שאַדע ניכט אַוועג צו געהן, אויסער פון מײַנע גוטע ערבאַרמדיגע פרויא. פון דיא גוטע זעעלע, פון דעם ברילאַנטענעם קערפער, אַך גאָט! וויא קאָן איך אויף עוויג אַוועגגעהן? אַזויא וויא איך גיב אויף איהר אַ בליק, ווערען מײַנע אויגען פיל מיט ביטערע טרערען. מײַן האַרץ הײבט אָן צו זינקען אין אַ מעער פון בענגשאַפט. (ער הײבט אָן צו ווײַנען): אַך גאָט! וויא פערלאָסט מען אין דיא יונגע בעסטע יאָהרען, אַזויא אַ וועלטבערוהמטען שאַטץ, וואָס איז פיל מיט דיא שענסטע אונ פײַנסטע זיטען? וויפיל מיהע אונ מאַטער האָב איך פערבראַכט? וויפיל מאַרך האָב איך פון מײַנע בײנער פערלוירען, ביז איך האָב דיא טהײַערע קײזערליכע טויב בעקומען? אונ יעצט, ווער ווײסט אין וועלכע אונבעקאַנטע נעהסט זיא וועט לײדער אַרײַנפאַלען? (נָעֳמִי הײבט אָן זעהר ביטערליך צו ווײנען): ליבע מוטער! איך ערלויב מיר יעצט צו בעשווערען דיך בײַא דעם

אַלמעכטיגען גאָט, וואָס ער פאָדערט פון מיר יעצט צוריק זיינע וועלע, דאָס דיא זאָלסט מיר ריכטיג בעשיידען מיין יעצטיגען טרוים.

וואָס — פראָגט נָעֳמִי — האָט דיך ליעבער זאָהן געטרוימט?

מיך — ערצעהלט כִּלְיוֹן מיט טרערען — האָט געטרוימט, דאָס מיין איינציגער ברודער מַחְלוֹן איז בעהיטעטע גאָט געשטאָרבען.

דיא קלוגער זאָהן — ענטפערט נָעֳמִי קאַלטבלוטיג — זאָלסט גלייבען אין אַ נאַרישען טרוים? זאָג מיר מיין קינד, וויפיל מאָהל האָסט דיא אַליין אויס מיר געלאַבט, ווען איך האָב דיין גאָטזעעליגען פאָטער ערצעהלט אַ טרוים?

וואָס רעדען — פראָגט כִּלְיוֹן — קאָן דאָס זיין, וואָס איך האָב איהם שוין אַזויא לאַנג ניכט געזעהען?

ער — ענטפערט נָעֳמִי — האָט אַוועגגעלייגט אַלע זיינע געשעפטען, אונד שוועבט אַרום וויא אַ אָדלער צו אַלע הייליגע צַדִּיקִים, זייא זאָלען בעטען אויף דיין לעבען. (עָרְפָּה קומט אַריין זעהר פערביטערט אונד געהט נעהע צום בעט).

וואָס — פראָגט עָרְפָּה — מאַכסט דיא ליעבער שוואָגער?

איין יודישער גאָט — ענטפערט כִּלְיוֹן — זאָל זיך ערבאַרמען אויף מיינע יונגע יאָהרען. איך געפון מיך לייִדער יעצט אין דעם גרעסטען געפאַהר. זאָג מיר עָרְפָּה, ווען קומט דיין מאַן צוריק?

יודען — זאָגט עָרְפָּה — גלייבען דאָך אין תְּחִיַּת־הַמֵּתִים. דאָס קאָן דאָך צו יעדע צייט געשעהען.

ביטער איז מיר! — הייבט כִּלְיוֹן אָן צו וויינען מיט זיינע לעצטע קרעפ־טען — איך האָב שוין מיין איינציגען טרייען ברודער אויך פערלוירען? אָה וועה איז מיר! זיין זיסען שיינעם קערפער האָט שוין דער ביטערער טויט אויך אין דיא פינסטערע ערד בעהאַלטען? (ער רייסט זיינע האָאר פון קאָפּף): וויא האַלט מען דאָס אויס?

בערוהיג דיך — בעט איהם נָעֳמִי מיט טרערען — האָב מיטלייד אויף דיינע אייגענע קרעפטען.

אַךְ גאָט ! — בִּיטעֶרט כְּלִיון — וויא קאָן איךְ שׁוין לעֶבעֶן נאָךְ מיין טהייעֶרן ברודעֶרס טויט ? עֶס איז מיר זעֶהר שׁלעֶכט ! מוטעֶר ! עָרְפָּה ! (עֶר פאַלט אום אין בעֶט , אונ פעֶרגלייסט שרעֶקליךְ זיינעֶ אויגעֶן . נָעֳמִי לויפט מיט געֶוויין אַרויס אויף דיא גאַס . ערפה וואַרפט זיין טויטעֶן קאָפּף הין אונ צוריק) .

טהייעֶרעֶר כליון ! — מינטעֶרט איהם ערפה — כליון ! שטאַרק דיךְ . (זיא שפּריצט אויף איהם וואַסעֶר פון אַ קליין פלעֶשעֶל) : כליון־קרוין ! וויא ביטעֶר איז מיר ? שׁוין דעֶר צווייטעֶר אָפּפעֶר אויף דעֶם אַלטאַר פון זייעֶרעֶ עֶהרליבעֶ ליעבעֶ צו אונז . וויא פעֶראונגליקט זעֶנעֶן מיר אַלעֶ אין דיא קורצעֶ צייט געֶוואָרעֶן ! מיינעֶ שוועֶסטעֶר וועֶט אָן קומעֶן צו דעֶם פינסטעֶרן אונגליק , וועֶט זיא איהרעֶ געֶדאַנקעֶן פעֶרלירעֶן . (נעמי קומט אַריין צו לויפעֶן מיט דעֶם אַרצט פַּרְמַשְׁתָּא . עֶר הייבט אָן בעֶטראַכטעֶן דעֶם אָבגעֶשטאָרבעֶנעֶם קעֶרפּעֶר) .

ניין מאַדאַם ! — זאָגט דעֶר אַרצט — דאָס ליכט איז גאָנצליךְ פעֶרלאָשׁעֶן . עֶר איז טויט . (דעֶר אַרצט נעֶמט דאָס לייליךְ , און פעֶרדעֶקט דעֶם טויטעֶן קעֶרפּעֶר , אונ געֶהט אַרויס) .

מיךְ — וויינט נעמי — האָט מעֶן געֶרופעֶן נעמי , דאָס הייסט : זיס . וויל איךְ האָב אימעֶר געֶוויסט פון אַ זיס גליקליךְ לעֶבעֶן . אונ יעֶצט ברויכט מעֶן מיךְ רופעֶן „מָרָה״ , דאָס הייסט : ביטעֶר . וויל גאָט האָט מיין לעֶבעֶן פעֶרביטעֶרט . עֶר האָט מיר צוגעֶנומעֶן מיין וועֶלטגעֶצייבעֶנטעֶן מאַן מיט מיינעֶ צוויא האָבגעֶלעֶרנטעֶ קינדעֶר , אונ בין געֶבליבעֶן עֶלעֶנד , אָרם , קראַנק . אַךְ גאָט ! אַךְ גאָט ! מיט וועֶהמעֶן וועֶל איךְ יעֶצט בלייבעֶן אויף מיין עֶלטעֶר ? ווער איז מיין אונ וועֶהמס בין איךְ ?

ליעבעֶ שוויגעֶרמוטעֶר ! — טרייסט זיא ערפה — איךְ מיט מיינעֶ שוועֶסטעֶר רות וועֶלעֶן פון דיר ניכט אָבטרעֶטעֶן אין אונזעֶר גאַנצעֶן לעֶבעֶן . דיא קאָנסט אונז רעֶכנעֶן פאַר דיינעֶ אייגעֶנעֶ טריייעֶ טאָכטעֶר .

ניין ! — עֶנטפעֶרט נעמי — איךְ קאָן דאָס פון אייךְ ניכט פעֶרלאַנגעֶן . איךְ בין שוין אַלט , אונ וועֶל מעֶהר קיינעֶ קינדעֶר האָבעֶן וואָס איהר וועֶט קאָנעֶן מיט זייא הייראַטעֶן . אונ ווען איךְ זאָל האָבעֶן אַ מאַן , אונ יעֶצט האָבעֶן פרישעֶ קינדעֶר , וועֶט איהר דעֶן אַזויא פיעל יאָהרעֶן זיין צו געֶבונדעֶן ביז זייא וועֶלעֶן אויפוואַקסעֶן ?

ניין — זאגט ערפה — גאט האט אונזער זעליגען שוויגערפאטער געשטראפט, וויל ער האט פערלאסט זיין הייליג לאנד אין דיא צייט וואס זיינע ברודער האבען געליטען הונגער. אונ דער זעלבער גאט וועט אונז אויך שטראפען, ווען מיר וועלען דיך עלענדע וויטווע פערלאסען. דיא ברויכסט שוין זיין גענוג איבערצייגט אין אונז, דאס מיר זענען צו דיר צוגעבונדען מיט לייב אונ זעלע.

טרייע שוויגערמאכטער! — זאגט נעמי — געה צו דיא יודישע געמיינדע, אונ בעט, מען זאל מיין צווייטען זאהן בעערדען, אונ מען זאל איהם לייגען נעבען זיין זעליגען ברודער.

איך געה — ענטפערט ערפה — אונ דיא שוויגערמוטער האסט קיין שרעק ניכט אליין צו בלייבען?

פאר מיין אייגען קינד — זאגט נעמי — האב איך קיין פורכט ניכט. ער וועט זיינע פערביטערטע מוטער קיין בייז טוהען. (ערפה געהט ארויס זעהר טרויעריג).

ליעבער זאהן! — קלאגט נעמי שטעהענדיג בייא זיין בעט — איידער מען געהט דיך שוין אויף עוויג בעהאלטען אין דעם קאלטען פינסטערן גרוב, וועל איך אנזעטען מיינע פינסטערע אויגען מיט דיין ליעבליך געזיכט. (זיא דעקט אב דאס ליילעך פון זיין קאפף, אונ הייבט אן זעהר שרעקליך צו שרייען): טהייער גאלדען קינד! וויא געהסט דיא אויף עוויג אוועג פון דיינע עלענדע מוטער, וואס האט דיך אין דעם טהייערסטען וויין אונ בעסטען באלסאם געבאדען? בעט אונ קלאג אין הימעל פאר דעם אלמעכטיגען גאט, ער זאל שוין מיינע זעלע אויך צו נעמען. אויף דיא פינסטערע ביטערע וועלט איז שוין מעהר קיין טרייסט דא פאר מיר. וויא אזויא וועלען מיינע אויגען קאנען צו זעהען, וויא מען בעגראבט מיין טהייערן בוים, וואס האט נאך קיין איינציגע פרוכט געשפראצט? (זיא צייגט מיט איהר פינגער אויף כליונ׳ס אויגען): דיא צווייא שיינע קריסטאלישע אויגען, וואס האבען דיא טהייערסטע וויסענשאפטען געזעהען, זענען יעצט גאנצליך פערלאשען, אונ זעהען ניכט דיא אייגענע מוטער. דיא זיסע טהייערע צונג, וואס האט מיט איהרע ווערטער בעצויבערט דיא גרעסטע קייזערליכע טאכטער, קאן ליידער יעצט דעם מינדעסטען טרייסט ניכט געבען זיינע טרייע אונגליקליכע מוטער. אויף עוויג מיין לעצט קינד, אויף עוויג געהסט דיא יעצט אוועג פון מיר

און פון דיינע טרייע פרויא, וואָס איז ניכט געוועזען בייא דיין אָבשטאַרבען, און וועט ניכט זיין בייא דיינע לְוָיָה. (ערפה קומט אַריין מיט אייניגע יודען, און טראָגען אַ גרויסען שוואַרצען קאַסטען. זייא לייגען אַריין דעם טויטען, און טראָגען איהם אַרויס. נעמי און ערפה געהען נאָך מיט אַ ביטערליך געוויין).

ערפה! — זאָגט נעמי — זאָג אונזערע נאַכבאַרן שפרה, זיא זאָל דאָ זיין ביז מיר וועלען צוריק קומען פון גוטענאָרט. (וויא זייא אַלע געהען אַרויס, קומט אַריין דיא נאַכבאַרן שפרה און זעצט זיך אויף דיא שטוהל).

איך — שפריכט שפרה — פערשטעהע ניכט, וואָס פאַר אַ פראָטענציע האָט גאָט געהאַט צו דיא גוטע פרומע נעמי? בענויא דיא שטיינער אין דיא גאַסען בערוהמען זיא מיט איהרע צווייא גאָטזעליגע קינדער. זייא האָבען דאָך אָבגעהיטען דאָס יודישע געזעטץ פיעל מעהר וויא זייערע אויגען אין קאָפּ. [illegible] קאָן ניכט געבען ליעבער און פיינער וויא זייא האָבען יעדען מענש בעהאַנדעלט. ווען זיא האָט גראַדע קיין געלד געהאַט מיר צו לייען אָהן דיא מינדעסטע צינזען, האָט זיא מיר איהרע טהייערסטע זאַך געגעבען צו פערזעטצען. און נאָך דעם אַלעם, איז אויף זייא אַזויא אַ שרעקליכען צאָרן אויסגעגאָסען געוואָרען? נור געה פרעג קושיות אויף גאָטס פיהרען דיא וועלט. געוויס ווייסט דער הימעל וואָס צו טוהען. מיין מאַנס עלטערער ברודער איז בעקאַנט פאַר אַ מענשענפרעסער, וואָס האָט זיך ליעב צו באָדען אין מענשענבלוט. זיינע פאָדלאָגעס זענען בענויא געוואַשען מיט יודישע טרערען, און דאָס גליק שטראַהלט אין אַלע זיינע פענסטער. ער וואָהנט זיך וויא אַ קייזער, און פאָרט אין אַ טהייערן עקיפּאַזש מיט צווייא טהייערע אַראַבישע פערד. און מיין מאַן, וואָס יעדער רוהמט זיין גאָלדענעם האַראַקטער מיט זיין ערבאַרמדיגען גייסט צו יעדען בעשעפעניס. ער איז אימער געשמידעט אין דיא קייטען פון אָרעמקייט. און דיא רייכע נאַטור לאָסט איהם ניכט געניסען דאָס מינדעסטע פון איהרע גליקען? (עס קומט אַריין איהרע קליינע טאָכטער בתיה).

מיין ליעב קינד! — זאָגט דיא מוטער — זייא דאָ ביז נעמי וועט צוריק קומען. איך געה צום בעקער קויפען בילקעלעך.

מאַמאַ! — פרעגט בתיה — וויא איז מען געפאָרען מיט בריין?

שפּאַצירען — ענטפערט דיא מוטער — דיא אַרצטע האָבען איהם געהייסען פרישען לופט געניסען. בתיה! זאָלסט דאָ וואַרטען.

מאַמאַ ! — זאָגט בתיה — ברענג מיר א עפּפּעלע . יאָ ? מאַמאַ !

גוט — ענטפערט דיא מומער — איך וועל דיר ברענגען . (זיא געהט אַרוים . בתיה טאַנצט אונ זינגט) :

דיא מאַמאַ וועט מיר פלעכטען אַ צעפּעלע
אונ וועט מיר ברענגען אַ שיין עפּפּעלע .
דער פּאַפּאַ וועט מיר קויפען אַ ליאַלקעלע
דיא באָבע וועט מיר ברענגען אַ האַלקעלע .
דער זיידע וועט מיר קויפען אַ קליידעלע
איך וועל זיין דאָס שענסטע בעסטע מיידעלע .

(עס עפענט זיך דיא טהיר , אונ רות קומט אַריין פערמאַטערט פון דיא רייזע) .

בתיה ! — פראָגט רות — זאָג מיר ליעב קינד , וויא איז מיינע אַלטע שוויגערמוטער ? (זיא וואַרפט פון זיך אַרונטער איהרע שווערע אָבערקליידער אונ שפּריכט צום בעט) : זייא רוהיג ליעבער מאַן , דער הייליגער צדיק בועז האָט פאַר דיר פיעל טרערען פערגאָסען , אונ האָט זעהר היים גאָט געבעטען ער זאָל דיר שיקען אַ רפואה פון הימעל . מען האָט מיך ניכט אַריינגעלאָסט געהע צום בעט אונ ווערט דערשראָקען) : וויא איז כליון ?

כליון'ען — ענטפערט בתיה — האָט דער אַרצט געהייסען פאָרען אויף פרישע לופט .

גאָט זייא דאַנק ! — זאָגט רות נזיט אַ פריילין געזיכט — דעם הייליגען בועז'ס געבעט איז אָנגענומען געוואָרען . ווען איך בין אַוועג געפאָרען , האָט מען מיין מאַן ניכט געקאָנט רירען פון אָרט , אונ יעצט איז מען מיט איהם שוין אויף דיא פרישע לופט געפאָרען . איך בין זעהר פערמאַטערט פון דיא שווערע רייזע . איך וועל מיך אַ קליין ביסעל צו לעהנען אויף דעם בעט . אונ דיא טהייער קינד קאָנסט שוין צוריק אַריין געהן צו איך אין שטוב .

דיא מאַמאַ — זאָגט בתיה — וועט מיר ברענגען אַ עפּפּעלע .

יאָ יאָ מיין קינד — ענטפערט רות — אַ שיין רויט עפּפּעלע . (בתיה געהט אַרוים . רות לייגט זיך אויף דעם בעט , אונ זינגט) :

אַךְ וויא זעהט מען שוין צוריק
מיין קראַנקען מאַן פעליג געזונד.
מיינע רייזע זאָל זיין מיט גליק
געהיילט זאָל ווערען מיין וואונד.

* *
*

פון אַ קליינע גוטע מינוט
האָב איך נאָךְ ניכט געוויסט.
עס איז מיר זעהר ניכט גוט
פון גאָלד איז געוואָרען מיסט.

* *
*

מיין קערפער איז נעבאַךְ צובראָכען
איך פיהל שוין קיין גאַנץ גליעד.
איך שלאָף שוין ניכט צוויא וואָכען
מיין קערפער איז שרעקליךְ מיד.

(ווי זיא הייבט אָן איינשלאָפען, קומט אַריין נעמי מיט ערפה'ן).

זעה נור — זאָגט נעמי — דאָס טרייַשאַפט פון אונזערע נאַכבאַרן. זיא האָט דיא שטוב אַליין געלאָסט? (רות לויפט שנעל אַרונטער פון בעט).

וויא — פראָגט רות זעהר אונרוהיג — איז מיין מאַן? (נעמי פאַלט אַרויף אויף דעם בעט מיט אַ געוויין): ערפה! וויא האָט איהר איבערגעלאָסט מיין טהייערן כליון?

ער — ענטפערט ערפה — שלאָפט שוין רוהיג נעבען זיין זעליגען ברודער. (רות זעצט זיךְ אויף דיא שטוהל זעהר איבערראַשט, און לייגט איהר קאָפף אויף איהרע ביידע דאָנד גלייךְ זיא האָט אַ דאָנערשלאַג בעקומען).

שרעקליךְ! — ביטערט רות — שרעקליךְ איז דער אונגליק וואָס איז מיר יעצט געשעהען. אָה ווערה! מיינע אויגען ווערלען שוין עוויג ניכט זעהען מיין מאַנס הערליכע געזיכט. איך וועל שוין מעהר ניכט זעהען דיא קלוגע

ליעבליבע שטראהלען פון זיינע גוטע ערבארמדיגע אויגען. איך האב ליידער קיינע זכיה געהאט, צו געזעגענען זיך מיט מיין טרייען מאן, וואס האט מיך אדויסגערעטעט פון דיא גאטצענדיענערס האנד. איך האב קיינע זכיה געהאט צו זיין ביא זיין בעערדען. (זיא שטעלט זיך אויף מיט א ביטערע ענערגיע): איך געה יעצט אויף מיין מאנס גראבען. איך וועל זיין ערד בעפייכטען מיט מיינע ביטערע טרערען. ערפה! קום מיט. פיליייכט וועט מען מיר ערלויבען איהם אויפצוגראבען, איך זאל איהם נאך איין מאהל אנקוקען?

טהייערע שוויגערטאכטער! — זאגט נעמי — דיינע יעצטיגע טרערען זענען וויא א רעגען אויף געזאלצענע ערד וואס זיא קאן ליידער ניכט פרובטען. פערפאלען ליעבע שוויגערטאכטער! פערפאלען! עס איז נאך ביז היינט ניכט איינער צוריק געקומען פון זיין גראבען. אויף עוויג, אויף עוויג האב איך מיין הייליגען מאן פערלוירען, אונ אויף עוויג האט דער גרויזאמער טויט מיינע צווייא וועלטבערוהמטע קינדער אוועקגערויבט. יעצט ליעבע טאכטער זאלט איהר מיט מיר צוזאמען זיטצען זיבען טרויעריגע טאג. מיר וועלען דעם גרויסען יודישען גאט בעטען, ער זאל אונזערע קינדערס זעעלען ארונטער נעמען, אונטער זיינע גייסטליכע פליגעל, צוזאמען מיט דיא הייליגע זעעלען פון אברהם יצחק יעקב. נאך דיא זיבען טאג, קאנט איהר צוריק געהן צו אייער פאלק מואב, אויך צוריק נעמען אייער פאריג גלויבען.

מיר — זאגט ערפה — זענען יעצט ליידער א פילער וואגען מיט ביטערע איינגליקען וואס איז געשפאנט צו פיער וויטיועס: מיינע מוטער מיט מיינע שוויגערמוטער, אונ איך מיט מיינע שוועסטער.

ליעבע שוויגערמוטער! — ענטפערט רות — דיא זאלסט וויסען, דאס איך וועל פון דיר אונ פון דעם יודישען הייליגען גלויבען ניכט אבטרעטען. איך מוס אויך איינשלאפען אין די זעלבע רעליגעזישע פליגעל וואס מיין טהייערער מאן איז אין זייא איינגעשלאפען. (עס קומט אריין דער פרינץ אליפז אונ בעגריסט אלע זעהר ליעבליך. ערפה אויך רות זענען זעהר איבערראשט געווארען. ער זעצט זיך נעבען זייא זעהר פריינדליך).

איך — זאגט אליפז — האב מיר אליין ערלויבט צו זיטצען.

מיט פערגעניגען — ענטפערט ערפה — פאר טרויעריגע מענשען איז א גרויסער טרייסט, ווען פיינע עדלע פערזאהנען קומען זייא בעזוכען. (דיא

אלטע קייזערין קומט אריין, זיא ווערט זעהר פריינדליך צו גענומען, אונ זיא זעצט זיך נעבען פרינץ)׳

שוין גענוג צרות — זאגט דיא קייזערין — האט איהר ליעבע טאכטער געליטען. איהר טראגט שוין אויך אין אייערע יונגע יאהרען דעם זיסען נאהמען וויטווע. נור איהר האט נאך ניכט אייערע גוטע האפנונגען פערלוירען. איהר קאנט נאך פערעכטען אייערע גרייסע פעהלערען וואס איהר האט לײדער געמאכט. איהר זאלט וויסען, דאס דיא צווייא געעהרטע פרינצען ווילען נאך יעצט מיט אייך הייראטען. אין אייער יעצטיג שרעקליך פינסטערנים קאן אייער ליכטיג גליק נאך צוריק ערשיינען.

ליעבע מוטער! — ענטפערט רות — זאלסט וויסען, דאס נור דער קערפער פון מיין גאטזעליגען מאן האט זיך פון מיין קערפער אבגעזאנדערט. אבער זיינע טהייערע זעעלע איז נאך יעצט פערקניפט, פערבונדען, אין מיינע זעעלע. איך בין ניכט פון דיא פרויען וואס געהענדיג בייא זייער מאנס לויה בעקומען זייא רויטע פארבען קוקענדיג אויף אנדערע מאנער. ערפה! פיליכט ווילסט דיא הייראטען מיט דעם פרינץ? (ערפה לאסט ארונטער איהרע אויגען).

איך — ענטפרט אליפז — ליעב נור דיך. נור אין דיינע האנד וויל איך מיין גאנץ קייזערליך לעבען איבערגעבען. אזויא וויא איך האב דערהערט דאס דיא ביסט געווארען א וויטווע. רעכען איך, דאס דיא ווערסט מיט פערגעניגען וועלען הייראטען מיט מיר פרינץ, אונ מיינע איינגעשלאפענע ליעבע האט זיך צוריק דערוועקט צו דיר.

דיא — זאגט רות — בעליידיגסט מיך זעהר מיט דעם וואס דיא דענקסט, דאס איך בעזיטץ א טהיערישען חאראקטער. ניין! מיין שרעקליכער וואונד איז נאך אפען. אט יעצט איז מיין מאנס קערפער אריין געלעגט געווארען אין דעם פינסטערן גראבען. אלע פערשידענע געדאנקען געפונען זיך שוין ניכט מעהר אין זיין אבגעשטארבענעם קאפף, אויסער דער איינציגער געדאנק פון זיינע טרייע ליעבע פרויא. דער געדאנק שפילט נאך יעצט אויף זיינע נערוועען זעהר א טרויעריג שמערצליך באנגשאפט צו מיר. (זיא הייבט אן זעהר ביטערליך צו וויינען): ליעבער טהייערער כליון! עוויג, עוויג וועל איך טרערען פערגיסען נאך דיר. ווען א ענגעל פון הימעל זאל מיט מיר וועלען הייראטען, וועל איך דאס איהם אויך ענטזאגען. געעהרטער פרינץ! א שאדע דיינע אומזאנסטע ווארטער. א מיטלייד אויף דיינע יונגע יאהרען,

דאָס דיִא זאָלסט הײַראַטען מיִט אַזויא אֵיינעֶ וויִא איִך, וואָס זיִא האָט קײַין וואַרעֶם האַרץ צוּ דיִר.

געֶדעֶנק רות — צאָרנט דיִא קײַזעֶריִן אויף איִהר — ווען דיִא וועֶסט דיִא גליִקליִכעֶ פאַרטיִע אַוועֶגלאָסעֶן, וועֶל איִך מיִר מײַין לעֶבעֶן אַוועֶגנעֶמעֶן.

עֶס טוּהט מיִר לײַיד — עֶנטפּעֶרט רות — דעֶר קעֶרפּעֶרליִכעֶר טויט איִז ניִכט אַזויא שרעֶקליִך וויִא דעֶר גײַיסטליִכעֶר טויט. ווען איִך וועֶל אָבטרעֶטעֶן פון יודיִשעֶן גאָטליִכעֶן גלויבעֶן, וועט מײַין גײַיסט גלײַיך זײַין וויִא געֶשטאָרבעֶן, אונ איִך וועֶל צוּריִק בעֶקומעֶן מײַין פאָריִגעֶן איִנסטיִנקט, וואָס האָט מעֶהר קײַין ווערטה ניִכט, וויִא דעֶר איִנסטיִנקט פון דיִא פעֶרד וואָס זעֶנעֶן געֶשפּאַנט איִן דײַין עֶקיִפּאַזש.

זאָג מיִר — פראָגט אליפז — וואָס וועט זײַין, דאָס אֵייעֶר יודיִשעֶר פרעֶזעֶס אֶהוד, וועט דיִך הײַיסעֶן הײַראַטעֶן מיִט מיִר?

דיִא — עֶנטפּעֶרט רות — ברויכסט געֶדעֶנקעֶן, דאָס דעֶר זעֶלבעֶר אֶהוד האָט מײַין פאָטעֶר מיִט זײַינעֶ שווערד עֶרמאָרדעֶט. אויך ווען עֶר וואָלט מײַין פאָטעֶרס מעֶרדעֶר ניִכט געֶוועֶזעֶן, וואָלט איִך איִהם דאָס אויך ניִכט געֶהאָרכט. יעֶצט ניִכט לאַנג וויִא מײַין ליִעבעֶן מאַנס הײַליִגעֶ זעֶלעֶ איִז אָט דאָ אויף דעֶם אונגליִקליִכעֶן בעֶט אויסגעֶגאַנגעֶן. זײַינעֶ לעֶצטעֶ קרעֶכצעֶן שוועֶבעֶן אונ פליִהעֶן נאָך אַרום איִן דעֶם אונגליִקליִכעֶן ציִמעֶר. פעֶרלאַנגסט דיִא איִך זאָל שוין נעֶמעֶן אויף מײַינעֶ בעֶטריִעבטעֶ געֶדאַנקעֶן אַ צווײַיטעֶן מאַן? געֶוואַלד! ווען מעֶן הערט ניִכט אויף צוּ רײַידעֶן פון דעֶם, ביִן איִך געֶצוויִנגעֶן צוּ פעֶרלאַסעֶן דעֶם ציִמעֶר.

ווען אַזויא — זאָגט דיִא קײַיזעֶריִן — זאָל דעֶר פּריִנץ געֶדולד זײַין אֵייניִגעֶ טאָג. יעֶדעֶר טויט איִז גראַדעֶ וויִא מעֶן וואַרפט אַ שווערעֶן שטײַין איִן וואַסעֶר אַרײַין. אַנפאַנגס שטאָרמט זעֶהר דאָס וואַסעֶר, אונ עֶס שפּריִצט פון אַלעֶ זײַיטעֶן. אָבעֶר לאַנגזאַם ווערט דאָס וואַסעֶר אַזויא בעֶרוּהיִגט, דאָס מעֶן דעֶרקאָנט ניִכט דאָס אָרט וויִא דעֶר שטײַין איִז געֶפאַלעֶן.

נוּא — עֶנטפּעֶרט אליפז אויפהײַיבעֶנדיִג זיִך פון אָרט — ווען אַזויא, געֶה איִך שוין. פיִלײַיכט געֶהט דיִא קײַיזעֶריִן אויך, וועֶלעֶן מיִר צוּזאַמעֶן פאַרעֶן איִן מײַין עֶקיִפּאַזש וואָס וואַרט פאַר דעֶם טויעֶר?

יא — זאגט דיא קייזערין אויפהייבענדיג זיך — איך געה. (ערפה אויך רות קושען איהרע האנד, אונ זיא געהט צוזאמען ארוים מיט דעם פרינץ זעהר אונצופריעדען).

טרייע שוויגערטאכטער! — שפריכט נעמי — איך ראטהע אייך, איהר זאלט ביידע צוריק געהן צו אייערע קייזערליכע פאמיליע. איך זעה ניכט דאס גליק וואס איהר קאנט שוין צווישען מיין יודישען פאלק האבען. איהר ווייסט דאך, דאס מיין פאלק איז צווישען דיא פעלקער, וויא א קליין שוואך שעפסעלע צווישען ווילדע בייזע טהיערע, וואס ווייסט אימער ניכט פון א ריכטיגע רוהע אונטער דיא זאנן. אויך ברויכט איהר וויסען וויא שוועהר איז אב צו היטען אונזערע רעליגיאן. אונ וויא גרוים איהר שטראף איז פאר דיא מינדעסטע זינד. געהט ליעבער צוריק צו אייער קייזערליך פאלק. איהר קאנט גליקליך הייראטען מיט דיא צווייא העלדישע פרינצען. אונ איך אלטער צובראכענער שארבען, וועל מיר צוריק פאהרען אין מיין הייליג לאנד. מיינע טויזענדער בעקאנטע פון מיין שטאדט בית־לחם, וועלען מיך מיט פערגעניגען ערנעהרען. זייא וועלען זיך זיכער ערבארמען אויף דיא וועלטבערוהמטע נעמי, וואס דיא גרעסטע פרינצעסען האבען איהר גליקליך לעבען בענייידעט.

איך — ענטפערט ערפה — בין יעצט לייעדער געצווינגען דעם ראטה צו הארכען. איך געה לייעדער צוריק אין מיינע מוטערס אלטע נעהסט אריין. ווען דער פרינץ וועט מיט מיר הייראטען. אויך ווען איך וועל שוין זיין קייזערין, וועל איך אין דיר טהייערע שוויגערמוטער ניכט פערגעסען. איך וועל דיר אפט בריעף שרייבען, אונ וועל זעהען צו פערבעסערן דיינע לאגע מיט אלע מיינע גרעסטע מעגליכקייטען. לעב וואהל טהייערע שוויגערמוטער. (זייא קושען זיך מיט טרערען): פיליייכט ווילסט דיא ליעבע שוועסטער אויך צוריק געהן צו אונזערע מוטער? קום! מיר וועלען צוזאמען געהן. קום!

ניין ליעבע שוועסטער! — ענטפערט רות — איך האב בייא מיר פעסט בעשלאסען, ניכט צו פערלאסען מיינע ליעבע שוויגערמוטער מיט איהר גאטליך יודיש גלויבען. דיא קאנסט אליין גליקליך צוריק געהן צו אונזערע מוטער. (ערפה קושט זיך מיט רות אונ מיט נעמי איינגע מאהל, אונ הייבט אן צו געהן ארוים).

פאר דעם — בענשט זיא נעמי— וואס דיא האסט מיין גאטזעליגען זאהן זעהר גוט אונ זעהר טרייא בעהאנדעלט. זאל דער אלמעכטיגער גאט

פון יעצט אָן בעגליקען אַלע דיינע וועגען, אונ דיא גוטע ערבאַרמדיגע ענגלען זאָלען דיך בעגלייטען.

איך דאַנק זעהר — ענטפערט ערפה אונ קושט נעמי'ס האַנד — דיא זעלבע גוטע ענגלען זאָלען דיא שוויגערמוטער ברענגען אַ גוטע עלטער.

אַ גוטע עלטער? — ביטערט נעמי — פון דעם קאָן איך שוין ליידער ניכט וויסען. דאָס אַלטע אויסגעטראָקענטע בלאַט. וואָס האָט זיך שוין אָבּגעריסען פון דיא צווייג, קאָן שוין מעהר ניכט בליהען, אונ עס מוס צום גרונד געהן. געה מיין קינד אַוועג פון מיין אונגליקליך פערביטערט הויז, אונ פון ווייטען זאָל איך פון דיר נור גוטעס הערען. (ערפה געזעגענד זיך מיט פיעל ליעבליכע טרערען).

ליעבע שוועסטער! — זאָגט ערפּה — ווען דיא וועסט מיט דיא ליעבע שוויגערמוטער געהן נאך בית־לחם, זאָלסט דיא מיר געבען צו וויסען, וועל איך אייך בעגלייטען.

גוט — ענטפערט רות — פיליייכט וועסט דיא זיך בעקלעהרען ניכט צו פערלאָסען דיין זעליגען מאַנס גלויבען?

אַדיע! — זאָגט ערפה — בלייבט געזונד. (זיא געהט אַוועג).

טהייערע רות! — זאָגט נעמי — ווען דיא ווילסט בייא דעם יודישען גלויבען בלייבען, ברויכסט דיא פון דעם יודישען הייליגען געזעטץ האַלטען.

געוויס! — ענטפערט רות — אַלעס וואָס דער יודישער געזעטץ הייסט, וועל איך מיט פיעל פערגעניגען טוהען.

לויט אונזער געזעטץ — זאָגט נעמי — ווען דיין מאַן איז ליידער אָהן אַ קינד געשטאָרבען, אונ האָט קיין ברודער אויך ניכט געלאָזען. ברויכט איינער פון דיין מאַנס פאַמיליע מיט דיר הייראַטען. אַלסדאַן אַזויא וויא מיין זעליגער מאַן האָט אַ נאָהנטען פריינד בועז, וועט ער מיט דיר הייראַטען. אַזויא וויא מיר ביידע וועלען מיט גאָטעס הילף צוריק קומען אין אונזער הייליג לאַנד, וועל איך דיך לערנען אַלעס וואָס דיא ברויכסט טוהען.

איך בעשטעה — ענטפערט רות — דער אַלטער צדיק בועז איז מיר

ליעבער פאַר דעם יונגען פרינץ אליפז. (עס קומט אַריין דער ווירטה מאַמען פון דעם הויז).

נעמי! — זאָגט מאַמען — פאַר וואָס בעצאָהלט איהר מיר ניכט פאַר דעם וואָהנונג? עס קומט מיר שוין פון אייך מעהר וויא הונדערט אונ דרייסיג טאַהלער? איך וועל מעהר איין טאָג ניכט וואַרטען.

געעהרטער ווירטה! — ענטפערט נעמי — אייך איז דאָך בעקאַנט מיינע שרעקליכע אונגליקען. אויך איז אייך דאָך שוין בעקאַנט מיין עהר־ליכקייט. ווען איך וואָלט נור געהאַט, וואָלט איך אייך גלייך אַריינגעטראָגען.

איך — שרייט מאַמען — וויל גאָרניכט וויסען. איך שיק גלייך אַריין מיין סטראָזש, אונ היים אַלע אייערע זאַכען אַרויסוואַרפען.

געעהרטער ווירטה! — בעט נעמי — צו וואָס זאָלט איהר זייא אַרויסוואַרפען, איך גיב זייא אייך אַוועג פאַר אונזער שולד.

גוט! — ענטפערט מאַמען — דאָס בעטצייג אויך.

אַלעס — זאָגט נעמי — מיר געהען שוין אַוועג. (נעמי מיט רות'ן פערלאָסען דיא שטוב מיט זעהר אַ מאָראַלישׁ געוויין, דיא פאָרהאַנג פאַלט).

פירטער אַקט.

(אין זעהר אַ הערליכען שיינעם זאָממערטאָג, שטעהען פיעל יונגען מיט פיעל פרייליינס אין אַגרויסען בעוואַקסענעם גאָרטען. זייא האַלטען קאָסעם אין דיא האַנד, צו שניידען דיא תבואות מיט דיא פרוכטען. אונ טאַנצען צוזאַמען מיט זעהר אַ פרייליכען מוטה אונ אַ לוסטיג געזאַנג):

מיט זעהר פרייליכע לוסטיגע געזאַנגען
געהען מיר אָבשניידען דיא זאַנגען.
דער היייליגער בועז מיט זיינע פראָמע וועגען
ברענגט אָפט פון הימעל טויא אונ רעגען.
אַלע גוטע ענגלען פון דיא הייך
ווילען איהם מאַכען גרויס אונ רייך.

ווייל זיין גאַנצען צוועק אויף דיא וועלט
האָט ער נור אויף דיא גאָטהייט געשטעלט.
דיא תּורה היט ער מיט זיין גאַנצען לעבען
גאָט זאָל איהם דאפיר אריכת־ימים געבען.

(עס געהען דורך אָרמע מאַנער אונ פרויען, אונ קלויבען פערגעסענע אונ פערלאָסטע זאַנגען אונ פרוכטען זינגענדיג:

לעבען זאָל דער גרויסער הייליגער העלד
געבענשט זאָל זיין בּועז'ס גרויסע פעלד.
לקט שכחה פאה טוהט ער אונז געבען
דאפיר זאָל ער מתושלח'ס יאָהרען לעבען.
וויא דער צעדערבּוים זאָל ער בּליהען
פיעל אָרמע יתומים טוהט ער ערציהען.
מען קאָן איהם אין גאַנצען יודישען לאַנד
מיט זיינע ערבּאַרמדיגע אָפענע האַנד.
פיעל תּבואה האָט ער פלייסיג פערשפּרייט
פאַר אונז אביונים, פאַר אונז אָרמע לייט.

(עס קומען אַריין צו געהן דיא הייליגע כּהנים נעמען דעם מעשׂר אונ זינגען:

מיר כּהנים גאָטס הייליגע קנאַכט
האָבען פון הייליגען משה'ן דאָס רעכט.
דאָס צעהנטעל תּבואה צו פערלאַנגען
נאָך דעם זענען מיר אַהער געגאַנגען.
צו ליעב דעם וועט אַ בּרכה געשעהען
בּועז וועט דיא בּרכה שנעל זעהען.
זיין תּבואה וועט גראָטען אימער
גליקליך וועט זיין יעדער שניט אין זימער.
הערט אוים שניטער אונזערע וואָרטער
ציינט אונז שנעל דיא אַלע אָרטער.
וויא אונזער צעהנטעל ליגט אין שייער
דיא יעצטיגע צייט איז זעהר טהייער.

(דיא שניטער ענטפערן:

אַלעֶס וואָס צו אֵייךְ כּהנים געֶהעֶר
וועֶט אייךְ דעֶר העֶרר בּועַז צו טהיילעֶן.
עֶר געֶהט שוין גלייךְ צו אייךְ אַ העֶר
צו טוהעֶן אַ מִצְוָה טוהט עֶר זיךְ איילעֶן.

(דעֶר אַלטעֶר גאָטליבעֶר בּועַז געֶהט צו. אַלעֶ אַרבּייטעֶר שטעֶלעֶן זיךְ גלייךְ מיט עֶהרעֶ).

גאָט — זאָגט בּועַז — איז מיט אייךְ!

(אַלעֶ עֶנטפעֶרן מיט געֶזאַנג:

גאָט דעֶר ווירטה פון דיא גאַנצעֶ וועֶלט
זאָל דיר גליק אונ געֶזונד געֶבּעֶן.
מיר אַרבּייטעֶר אין דיין גרויס פעֶלד
וואונשעֶן דיר יעֶצט מְתוּשֶׁלַח'ס לעֶבּעֶן.

ליעבּעֶ טרייעֶ קינדעֶר! — זאָגט בּועַז — וויא דאַנקבּאַר בּרויכט יעֶדעֶס בּעֶשעֶפעֶניס זיין דעֶם גרויסעֶן אַלמעֶכטיגעֶן גאָט, וואָס עֶר עֶרנעֶהרט יעֶדעֶ זאַךְ מיט אַלעֶ זיינעֶ פעֶרשיעֶדעֶנעֶ בּעֶדעֶרפעֶניסעֶן, אונ פעֶרלאַנגט קיין לוין דאַפיר. זעֶהט אונ בּעֶמעֶרקט דאָס אין מיין פעֶלד, וויא גוט אונ וויא אָפעֶן זיינעֶ האַנד איז. וויא עֶר האָט אָנגעֶזעֶטעֶט דיא עֶרד מיט זיינעֶ זיסעֶ טויא אונ פעֶטעֶן רעֶגעֶן. אונ האָט עֶרשיינט דיא זאָנן, צו שפּראָצעֶן דיא שעֶנסטעֶ תּבוּאָה אונ בּעֶסטעֶ פרוכטעֶן. אויךְ בּרויכעֶן מיר אַלעֶ איהם דאַנקעֶן, וואָס עֶר האָט אונז בּעֶשאַפעֶן אין דעֶם יעֶצטיגעֶן דור, ניכט אין דיא שפּעֶטעֶרדיגעֶ דורות, וואָס דעֶר מעֶנש וועֶט דאַמאָלס פעֶרליערעֶן דעֶם גאָטליכעֶן גלאַנץ פון זיין געֶזיכט. איהר זאָלט וויסעֶן, דאָס עֶס וועֶט קומעֶן אַזויא אַ געֶפאָהרליךְ דור, וואָס איין מעֶנש וועֶט איינשלינגעֶן דעֶם צווייטעֶן, אונ מעֶנשעֶנבּלוט וועֶט ניכט האָבּעֶן מעֶהר ווערטה וויא וואַסעֶר. עֶס וועֶט קומעֶן אַ צייט דאָס דיא בּלוטיגעֶ שווערד וועֶט מעֶן טראָגעֶן אַלס ציערונג, אונ דיא מוטעֶרס וועֶלעֶן מיט זייעֶרעֶ איינעֶנעֶ האָנד עֶרמאָרדעֶן זייעֶרעֶ אונשולדיגעֶ קינדעֶר. עֶס וועֶט קומעֶן אַ פינסטעֶרעֶ צייט וואָס אין דעֶם יודישעֶן גאָרטעֶן וועֶלעֶן שפּראָצעֶן זעֶהר געֶפאָהרליכעֶ דעֶרנעֶר, וואָס וועֶלעֶן צו שטעֶכעֶן דיא שעֶנסטעֶ גאָטליכעֶ רויזעֶן. עֶס וועֶט לײדעֶר קומעֶן אַ ווילד דור, וואָס מעֶן וועֶט שטעֶלעֶן דיא טהייעֶרסטעֶ געֶעֶהרטעֶ דעֶנקמאַהלעֶן, דיא שלאַכטמעֶרדעֶרס, וואָס זייעֶרעֶ פוס האָבּעֶן געֶטרעֶטעֶן אויף טויזעֶנדעֶר מעֶנשעֶנקאָפּ, אונ האָבּעֶן דעֶם מעֶער רויט געֶמאַכט מיט זייעֶרעֶ איינעֶנעֶ בּרודעֶרס בּלוט. אויךְ וועֶט קומעֶן אַ צייט,

דאָס מען הערט בּעֶהרעֶן מיִט דעֶם טיִטעֶל פּיִלאָסאָף , דיִא וואַהנזיִניִגעֶ אונמעֶנשעֶן , דאָס האָבּעֶן אַרויסגעֶגעֶבּעֶן ווערקעֶ, דאָס עֶס גיִבּט קיֵין גאָט אויף דיִא וועלט . עֶס וועֶט קומעֶן אַ דור , וואָס מעֶן וועֶט גלייבּעֶן , דאָס דיִא זעֶלעֶ שטאַרבּט צוזאַמעֶן מיִט דעֶם קעֶרפּעֶר , גראַדעֶ וויִא דאָס פּייעֶר עֶנדיִגט זיִך צוזאַמעֶן מיִט דעֶם ליִכט . אָבּעֶר נאָך דיִא פיִנסטעֶרעֶ דורות , וועֶט עֶרשײַנעֶן זעֶהר אַ ליִכטיִג דור , וואָס אַלעֶ וועֶלעֶן צוריִק עֶרקאָנעֶן דיִא גאָטהייט , אויך קלײַנעֶ קיִנדעֶר וועֶלעֶן זיִך איִבּעֶרצייגעֶן איִן דיִא וואַהרהייט פון דעֶם היֵיליִגעֶן בּעֶשעֶפעֶר . איִן דיִא וואַהרהייט פון זיֵין היֵיליִג געֶזעֶטץ . אויך איִן דיִא עֶוויִגקייט פון דיִא מעֶנשליִכעֶ אונפעֶרדאָרבּעֶנעֶ זעֶעלעֶ .

מיִר — זאָגט דעֶר עֶלסטעֶר שניִטעֶר — דאַנקעֶן דיִר גאָטליִכעֶר העֶרר פאַר דיֵינעֶ היֵיליִגעֶ ווערטעֶר . (בּועַז געֶהט צום שיִיעֶר . עֶס קומט צו אַ שיֵינעֶ יונגעֶ פרויא צו דיִא שניִטעֶר אונ זאָגט :

מיֵין מאַן הײַנט , מיֵין מאַן קלאָגט
וואָס גאָט האָט מיִך געֶפלאָגט .
מיִט דיִא גרויסעֶ בּיִטעֶרעֶ צרה
צו זיֵין ליֵידעֶר אַ עֶוויִגעֶ עקרה .
איִך טוהעֶ זעֶהר שטרעֶבּעֶן
מיֵין מאַן טוהט פיִעל צדקה געֶבּעֶן .
אַלעֶ גרעֶסטעֶ היֵיליִגעֶ יודעֶן
שטעֶלעֶן מיִר בּיֵידעֶ צו פריִעדעֶן .
מיִר וויֵינעֶן פאַר דיִא פּראָפּעֶטעֶן
זייא זאָלעֶן פאַר מיִר גאָט בּעֶטעֶן .
איִך זאָל אויך געֶוויִנעֶן אַ קיִנד
זעֶהר ליֵיבּט אונ זעֶהר געֶשוויִנד .
מיֵין מאַן האָט מיִך אַרויסגעֶיאָגט
אונ האָט מיִר שטרעֶנג געֶזאָגט .
איִך זאָל זוכעֶן איִן דיִא פעֶלדעֶר
אויך איִן פעֶרשיִעדעֶנעֶ וועֶלדעֶר .
דיִא דודאים (ליִעבּעֶסאָפּפּעֶל) צו געֶפינעֶן
דורך זייא זאָל איִך געֶוויִנעֶן .
קיִנדעֶר שיֵינעֶ וויִא דיִא פלאַנעֶטעֶן
איהר שניִטעֶר קאָנט מיִך רעֶטעֶן .
איִך האָבּ שוין קיֵין כח צו לויפעֶן

איך וויל דאָ דיא דודאִים קויפען.
ווען איהר וועט מיר זייא געבען
וועט איהר דערהאַלטען מיין לעבען.

מיר — ענטפערט דער עלסטער שניטער — האָבען יעצט פאָרגעסטערן אַלע דודאים פערקויפט. פיליכט האט דער הייליגער בועז דודאים? קאָנסט צו איהם צוגעהן. ער שטעהט דאָרט נעבען שייער.

ניין ליעבע פרויא — שפּאַסט אַ שניטער — ווען איהר האָט אַ שוואַכען מאַן, וועלען דיא דודאים איך גאַרניכט העלפען.

ווען — ענטפערט דיא פרויא — דיא דודאים זאָלען ניכט קאָנען העלפען, וואָלט דיא הייליגע תורה ניכט ערצעהלט, דאָס אונזערע הייליגע מוטער לאה, האָט זיך זעהר גליקליך געשעצט מיט דיא דודאים וואָס איהר זאָהן ראובן האט איהר פון פעלד געבראַכט, אונ זיא איז נאָך זייא שוואַנגער געוואָרען, אונ האט געבוירען יעקב אבינו'ס פינפטען זאָהן יששכר.

דיא — זאָגט דער שניטער — ברויכסט אָבער וויסען, דאָס דער רעגען מאַכט נור שפּראָטצען גוטע ערד, אָבער ניכט געזאַלצענע ערד, אָדער ערד וואָס דער שלאַנג האָט זיא פערגיפטעט. (בועז קומט צו).

וואָס — פראָגט בועז — פערלאַנגט דיא יודישע טאָכטער?

איך אונגליקליכע עקרה — ענטפערט דיא פרויא — וויל קויפען דודאים.

זוהן — זאָגט בועז — איך זאָל האָבען דודאים, וואָלט איך זייא דיר אומגעגעבען אָהן געלד. איך זאָג דיר ליעב קינד דיא וואַהרהייט, דאָס ווען איך זאָל פאַר זייא געלד פערלאַנגען, וואָלסט דיא מיר ניכט געגלויבט געבען, ווייל אַ ריין עהרליך געבעט צו גאָט אָהן דודאים, קאָן פיעל מעהר העלפען, וויא בלויסע דודאים אָהן אַ עהרליך געבעט. אונזערע הייליגע תורה ערצעהלט דייטליך, דאָס ניכט דיא דודאים האָבען אונזערע הייליגע מוטער לאה'ן געהאָלפען, נור גאָט האָט איהר געבעט צו גענומען. אונ האָט איהר קינדער געגעבען.

איך — ענטפערט דיא פרויא — פערגיס טאָג טעגליך טייכען טרערען, אונ בעט אָפט צו גאָט, ער זאָל מיך בעפרייען פון דעם ביטערן נאָמען עקרה.

ווען אַזויא — זאָגט בועז — וועל איך דיר אַ אומזאָנסטע רעצעפּט געבען, וואָס זיא וועט דיר זיכער העלפען:

זאָלסט האָבען אַ ריכטיגע עהרליכע וואָג
צְדָקָה זאָלסט דיא טוהען יעדען טאָג .
היטען זאָלסט דיא אונזער הייליג גלויבען
מיט דיין מאַן לעב גוט וויא טויבען .
זאָלסט ניכט האָבען קיינע גרויסע אויגען
ליעב דיא וואָס האָבען דיך ערצויגען .
קיינע ראַכע זאָלסט דיא האָבען אין לעבען
דיינע פיינד זאָלסט דיא אויך ברויט געבען .
מיט יעדע זאַך לאָס דיך בעגניגען
זאָלסט דיך אין דיין לעבען ניכט קרוגען .
ווען דיא ועסט מיך דאָס אַלעס הערען
ועסט דיא זיכער שוואַנגער ווערען .
איך בין זיכער וויא דיא זאָגן איז קלאָהר
אַז דיא וועסט האָבען אַ קינד יעדעס יאָהר .
דעם נאָהמען עקרה וועסט דיא מעהר ניכט טראָגען
דיין מאַן זאָלסט דיא אויך פון דעם מיטעל זאָגען .

ליעב — ענטפערט דיא פרויא — וואָלט מיר געוועזען, ווען דיא טהייערע רעצעפט וואָלט מיך געלד געקאָסט .

נוא — זאָגט בועז — דיא קאָנסט דאָס געלד צו טהיילען אָרמעלייט .

גוט הייליגער צדיק — ענטפערט דיא פרויא — איך געה עס שוין צו טהיילען . (זיא געהט אַוועג זעהר צו פריעדען) .

ליעבע קינדער ! — רופט בועז דיא שניטער — עס איז צייט צו דאַבינן מִנְחָה . (אַלע לייגען אַוועג דיא אַרבייט, אונ זינגען זעהר פערגייסטעט) :

מיר לויבען , מיר שאַטצען , מיר עהרען
דעם גאָט וואָס שטעלט אויס דיא שטערען .
דעם טאָג מאַכט נור ער ערשיינען
דיא זאָנן טוהט ער טאָג טעגליך קריינען .
דיא מאָנד גיבט ער איהר מאַכט
צו לייכטען אין דיא פינסטערע נאַכט .
ער פערענדערט אָפט דיא צייטען
ער ווייסט דיא שטערען צו פערשפרייטען .

דעם הייליגען גאָט טוהען מיר בעטען
פון אונז זאָל ער ניכט אָבטרעטען.
אונזער גליק זאָל לייכטען אימער
וויא דיא זאָנן אין הערליכען זומער.
ער זאָל שטארקען אונזערע קרעפטען
אונ בעגליקען אלע אונזערע געשעפטען.
צו קאָנען זיין הייליג געזעטץ היטען
מיט ריינע געדאנקען אונ קלאָהרע זיטען.
מיר קושען זיין גרויסען נאָהמען פון וויטען
גוטע ענגלען זאָלען אונזער געבעט בעגלייטען.

זיין בעדינער לויפט אונ שטעלט אַ קליין טישעל אונטער אַ בוים מיט אַ שטוהל. דער צווייטער ברענגט עסען אונ לייגט עס אויף דעם טישעל. בועז זעצט זיך אנידער, אונ וויא ער הייבט אָן צו עסען, קומט צו אַ אָרמע פרויא מיט צוויא קליינע יתומים.

היילינער צדיק! — ביטערט דיא פרויא — איך אָרמע אלמנה האָב ניכט צו צאָהלען אין דיא שוהלע פאר מיינע צוויא אָרמע יתומים.

ליעבע קינדערלעך! — פראָגט זיא בועז זעהר פריינדליך — איהר ווילט דען לערנען? זאָגט דיא ווארהייט.

מיר ווילען — ענטפערט איין יתום — אַ מענש אָהן לעהרע איז ניכט מעהר וויא אַ ווילדע טהיער.

געוויס! — ענטפערט דער צווייטער יתום — נור דורך דיא לעהרע בעקומט דער מענש דעם געטליכען גלאנץ. אונזער געטזעעליגער פאָטער פלעגט זעהר בייז זיין אויף זיינע עלטערען, ווייל זיא האָבען איהם וועהניג געלערנט.

דאָס אליין — זאָגט בועז — איז זעהר אַ ריכטיגער בעוויז אויף אייער פאָטערס וועהניגע לעהרע. ווייל יעדער געלערענטער מאן קאָן ניכט בייז זיין אויף זיינע אייגענע עלטערען. דיא לעהרע ברענגט יעדעם קינד צו אָפּפערן זיך פאר זיינע עלטערען. ווייל אויסער דעם וואָס זיא האָבען איהם אויף דיא וועלט געבראכט, בעזאָרגען זיא איהם אלע זיינע בעדערפניסען, אונ היטען איהם אָב וויא זייער אויגאפפעל. אויך אין דיא

ווילדע טהיערע, אין דיא גיפטליכע שלאַנגען, האָט דער אַלמעכטיגער גאָט אַריין געוואָרצעלט אַ נאַטורליכע ליעבע פון דיא קינדער צו זייערע עלטערען. יעצט ניכט לאַנג האָבען מיינע אויגען אַליין געזעהען, וויא אַ גאַנצע באַנדע שטאָרכען האָבען געמאַכט זייערע וויַיטע רייזע אין דיא וואַרעמע לענדער. אַלע זענען צוזאַמען אַוועגגעפלויגען, אויסער איין שטאָרך וואָס איז געבליבען זיטצען קראַנק אויף אַ בוים, און זיא האָט ניכט געקאָנט פליהען, און נעבען איהר זענען איהרע צוויא געזונדטע קינדער איבערגעבליבען, און זענען ניכט אַוועגגעפלויגען, אויבוואָהל דער קלימאַט איז פאַר זייא זעהר געפעהרליך געוועזען. יעצט ברויכט איהר ליעבע יודישע קינדער אַליין פערשטעהן, ווען עס קומט דיא עלטערען אַזויא אַ טריישאַפט פון זייערע קינדער, וויא טרייא, וויא דאַנקבאַר, ברויכט מען נאָך גאָט צו זיין. און וואָס פאַר אַ גרויסע עהרע מען בעדאַרף איהם געבען פאַר דיא הייליגע זעעלע וואָס ער האָט דעם מענש געשאָנקען, און פאַר זיינע גרויסע אָפטע גנאַדעס וואָס ער טוהט מיט יעדען בעשעפעניס?

מיר פערשטעהען — ענטפערן דיא יְתוֹמִים — און מיר וועלען זעהר היטען דיא הייליגע ווערטער.

איך — זאָגט בועז — וועל שוין זאָגען אין דיא שוהלע, דאָס איך וועל פאַר אייך ביידע צאָהלען.

מיר דאַנקען — ענטפערן אַלע — מיר דאַנקען. (דיא צווייא קינדער קושען בועז'ס האַנד. און געהען אַוועג מיט דיא מוטער. בועז עסט אָב, און הייבט אויף זיינע האַנד צום הימעל זעהר פערהייליגט, זאָגענדיג:

צו דיר גאָט טוהע איך מיין לויב געבען
וואָס דיא דערהאַלטסט מיט שפייז מיין לעבען.
אַלע בעשעפעניסען טוהען דיך עהרען
וויל פון גרוים ביז קליין טוהסט דיא ערנעהרען.

(עס קומט צו אַ יונגערמאַן מיט אַ יונגע פרויא, און נייגען זיך מיט פיעל עהרע).

הייליגער מאַן! — זאָגט דיא פרויא — איך ליעב מיין מאַן. מיר בעהאַנדלען זיך גוט. עס פעהלט אונז גאָט זייא דאַנק קיין זאַך ניכט, נור איין הויפּטזאַך פעהלט מיר, וואָס מיין מאַן איז ליידער זעהר שוואַך. דיא

גרעסטע ערצטע זאגען, דאס איך קאן פון איהם קיינע קינדער האבען. די איינציגע וויכטיגע זאך פערביטערט זעהר מיינע יונגע יאהרען. איך וואלט פיעל מעהר פערליעב גענומען צו זיין ארם, וויא צו זיין עלענד אהן א קינד. ווען מען קומט אריין אין דיא עלטערע יאהרען, זעהט מען דאמאלס אויס אהן א קינד, וויא א עלענדער פויגעל אהן פליגעל אין ווינטער. דיא ליכטיגע שטראהלען פון דיא זאנן זענען פינסטער אין יעדע עקרה'ס אויגען, מוג זיא זיין דיא רייכסטע פרינצעסין. אויסער דעם וואס איהר קערפער ווערט קראנק, אונ איהר בלוט פערליערט דעם ריכטיגען קראפט. אלסדאן האבען מיר זיך פערלאסט אויף אייער געטליכען פערשטאנד, אונ וויא איהר וועט זאגען, אזויא וועט בייא אונז בלייבען.

איך — ענטפערט בועז — הייס איהר זאלט אייך דורכאוים גיט זיין. וויייל דיא וואס קאן האבען קינדער אונ האט ניכט, איז גלייך זיא וואלט דיא קינדער מיט איהרע אייגענע האנד געקוילעט, אונ איהרע זינד איז זעהר גרויס צו דיא גאטהייט אויך צו דיא מענשהייט. ווען דיא האסט ווירקליך ליעב דיינע פרויא, ברויכסט דיא זיא ניכט דערטרענקען צוזאמען מיט דיר. (זייא הייבען ביידע אן צו וויינען). גאט זאל הערען אייער געוויין אונ זעהען אייערע טרערען, אונ זאל דיר יודישע טאכטער צו שיקען א פיינעם גוטען מאן, וואס זאלסט פון איהם האבען גוטע קינדער. אונ דיר זאל ער צו שיקען א פיינע גוטע פרויא, וואס זיא וועט זא וויא זא קיינע קינדער האבען.

מיר — זאגען זייא ביידע דאנקען דיר הייליגער מאן. (וויא זייא געהען אוועג, קומט אן א ארמערמאן אונ נייגט זיך מיט עהרע).

הייליגער הערר! — זאגט דער ארמערמאן — מיין ווייב האט מיט מזל א זכר געבוירען, מארגען איז דער ברית. איך בין אייך מכבד מיט סנדקאות.

דיא — פראגט בועז — האסט שוין געלד אויף דעם ברית?

פארלייפיג —- ענטפערט דער ארמערמאן — האב איך נאך ניכט.

דא — זאגט בועז געבענדיג געלד פון טאש — האסט דיא פונפ-אונצוואנציג טאהלער, אונ גרייט אלעס אן אויף דעם ברית. אויך זעה צו גע-בען דיא געווינערן גוטע פלעגע. איך בעט דיך, דיא זאלסט קיינעם ערצעה-לען, דאס איך האב דיר אויף דעם ברית געגעבען.

איך — זאָגט דער אָרמערמאַן — דאַנק אייך זעהר. גאָט זאָל אייך פאַר דיא גנאַדע בעצאָהלען. (וויא ער געהט אַוועג קומט אָן אַ סופר).

היילינער צדיק! — פראָגט דער סופר — איך האָב געהערט, דאָס איהר ווילט לאָסען שרייבען דרייא ספרי־תורה?

פינף — ענטפערט בועז — נור זעהר שיינע. איך וויל מיך ניכט פריהער בעדינגען, נור ווען איך וועל צו פריעדען זיין, וועל איך מיך ניכט שטעלען אויף דעם פרייז.

גוט! — ענטפערט דער סופר — איהר וועט מיר קיין עוולה טוהען. איך געה גלייך אַהיים אונ זעטץ מיך שוין שרייבען. (וויא ער געהט אַוועג, קומט צו אַ ליכוויאַרז זעהר שטאָלץ).

ליעבער הערר! — פראָגט דער ליכוויאַרז — צו בייא אייך אַרבייט דער גנב פגעיאל?

יאָ! — ענטפערט בועז — זאָגט מיר מיט וואָס איז ער אַ גנב?

ער — זאָגט דער ליכוויאַרז — איז מיר שולדיג דרייצעהן טאָהלער, אונ וויל מיר ניכט בעצאָהלען.

פגעיאל! — רופט בועז — קום נור אַהער. (ער לויפט שנעל צו). דיא ביסט דעם יוד שולדיג דרייצעהן טאָהלער?

היילינער הערר! — ערצעהלט פגעיאל — איך האָב בייא דעם פראָצענטניק געליען פונפציג טאָהלער! אונ איך האָב איהם שוין צוריק געגעבען הונדערט אונ אַכציג טאָהלער. איך צאָהל אונ צאָהל אונ קאָן זיינע שוואַרצע פטור ניכט ווערען.

איהר — פראָגט בועז — ווייסט ניכט דאָס אונזערע היילינע תורה ערלויבט ניכט צו נעמען פראָצענט?

דיא תורה — ענטפערט דער ליכוויאַרז — הייסט ניכט עסען דיא פיש וואָס האָבען קיינע פלאָספעדערען אונ שופּען, פון דעסטוועגען מעהרען זייא זיך זעהר אין וואַסער?

פגעיאל! — פרעגט בועז — ווען דיא זאָגסט מיר דאָס דיא ברויכסט פונפציג טאָהלער, וואָלט איך דיר אָהן פראָצענט געגעבען.

איך — ענטפערט פגעיאל — האָב שוין פון הערר געגוג טובות גענאָסען. מיין הארץ האָט מיר שוין ניכט געקאָנט ערלויבען מעהר צו פערלאַנגען.

איך — זאָגט בועז — בעצאָהל איך דיא דרייצעהן טאָהלער. נור איהר זאָלט וויסען, דאָס דער מענש וואָס זיינע אָדערען זענען פיל מיט פרעמד יודיש אָרם בלוט, קאָן לאַנג ניכט לעבען.

ווען — פראָגט דער ליכוויארז — בעקום איך דאָס געלד? איך וועל פאַר יעדען טאָג צו רעכנען פראָצענט. (בועז נעמט אַרויס געלד).

דאָ — זאָגט בועז — האָט איהר דרייצעהן טאָהלער. דער ליעבער גאָט האָט אייך געליען אַ זעלע, איהר זאָלט איהם צאָהלען מצות און מעשים טובים אַלס צינזען. און איהר, אויסער דעם וואָס איהר צאָהלט ניכט קיינע צינזען, פערניכטעט איהר נאָך זיין קאַפּיטאַל? (ער ענטפערט גאָרניכט און געהט אַוועג. עס קומט צו אַ וואונדערשיינע פריילין זעהר רייך געקליידעט, און זעצט זיך קלויבען גערשטען).

פריילין! — זאָגט דער עלסטער שניטער — לויט וויא איך זעה אין דיינע שיינע קליידער, ביסט דיא ניכט אָרם, און דיא ברויכסט ניכט אַוועג צו רויבען דיא גערשטען פון דיא אָרמע לייט.

פערשטעהם ניכט! — שרייט בועז — פערשטעהם ניכט קיין מענש. דיא זינד פון בושה איז אַזויא גרויס, דאָס אַלע מצות קאָנען איהר פלעק ניכט אָבוואַשען. קלויב פריילין! קלויב!

איך — ענטפערט דיא פריילין — בין ווירקליך זעהר אַ רייך קינד. איך בין דעם ריכטער יהודיע'ס טאָכטער. נור מיינע עלטערען האָבען מיך ליידער מיט שאַנדע אַרויסגעטריבען פון זייער הויז, ווייל איך האָב מיך פערליעבט אין אַ אָרמען יונגע. (זיא ווייזט מיט איהר פינגער): דער יונגע שטעהט יעצט דאָרט.

רוף — זאָגט בועז — איהם אַהער. (זיא לויפט און קומט מיט איהם צו. ער נייגט זיך מיט פיעל עהרע).

וואָס — פראָגט בּוֹעַז — אִיז דײַן טוּהען ?

אִיךְ עֶנטפֿעֶרט דער יונגע — לערן אַ האַלבּען טאָג תּוֹרה, און דעֶם צווייטען האַלבּען טאָג בִּין אִיךְ אַ שוסטער.

אִיךְ — שפּריכט בּוֹעַז — פֿערשטעה דאָס ניכט. פֿאַר וואָס שעהמען זִיךְ אונזערע יודען מִיט אַ בַּעַל־מְלָאכָה ? דער הייליגער חֲנוֹךְ יֶרֶד׳ס זאָהן, וואָס אִיז אַרויף אִין הִימעל אַריין, וואַהר אויךְ אַ שוסטער. אויךְ גאָט אַליין אִיז אויךְ געוועזען דער ערשטער בַּעַל־מְלָאכָה. לויט פֿערשטאַנד ברויכען זאָגאַר דִיא רייכסטע פֿאָטער, צו לערנען זייערע עדעלסטע קינדער אַ מלאכה. ווייל דִיא מלאכה אִיז זעהר אַ טהייער געוועהר, צו שטרייטען מִיט דעם אָרמקייט. ניין ליעבּע טאָכטער ! אִיךְ וועל פֿלייסיג שיקען זאָגען דיינע עלטערען, דאָס זייא זאָלען דִיר מעהר קיינע אומזאָנסטע שמערצען פֿערשאַפֿען, און זאָלען דִיא פֿאַרטיע שנעל ענדיגען. אַ בּעל־מלאכה מִיט תּורה, אִיז גראַדע וויא אַ בּוים מִיט טהייערע פרוכטען. און אַ גוטע פרויא צו, אִיז וויא אַ גוטער קוואַל וואַסער נעבען אִיהם, וואָס לאָסט אִיהם ניכט אויסטראָקענען.

מִיר דאַנקען — ענטפֿערן בּיידע זעהר פֿריינדליךְ — גאָט זאָל אייךְ דאַפֿיר בּעלוינען. (זייא געהען אין איין זייט אַוועג, און בּוֹעַז געהט אין אַ אַנדערע זייט אַוועג. עס קומט אַריין דִיא וויטווע רות זעהר אָרם געקליידעט, און קלויבּט זאַנגען אונטער דִיא שניטער, און שעהמט זִיךְ זעהר אִיהרע אויגען אויף צו הייבּען).

ווער — פראָגט דער עלטסטער שניטער — בּיסט דִיא ?

אִיךְ — ענטפֿערט רות — בּין מִיט נעמי׳ן צוריק געקומען פֿון לאַנד מוֹאָב. ווען אִיהר ווילט מִיר רות ניכט ערלויבּען צו קלויבּען, קאָן אִיךְ גלייךְ אַוועג געהן. אִיךְ קאָן אייךְ אויךְ צוריק געבּען, דאָס וואָס אִיךְ האָבּ שוין אִין דִיא פריה געקליבּען אִין יענע זייט פֿון דעם פֿעלד.

ניין ! — ענטפֿערט דער שניטער — קלויבּ, קלויבּ. ווען נעמי אִיז צוזאַמען מִיט דִיר געקומען, בּיסט דִיא זיכער אַ עדעל מענש. (וויא זִיא קלויבּט דִיא גערשטען, קומט בּוֹעַז צוריק פֿון שטאָדט און זעהט רות׳ן).

גאָט — זאָגט בּוֹעַז צו דִיא שניטער — אִיז מִיט אייךְ !

גאָט — ענטפֿערן אַלע — זאָל דיךְ בּענשען.

ווער — פראָגט בועז — איז דיא פריילײן ?

זיא — ענטפערט אַ שניטער — איז צוריק געקומען מיט נעמי פון לאַנד מואָב. זיא שטעהט אין פעלד פון דיא פריה ביז יעצט, און זיצט וועהניג אין איהר היים.

הערסט דיא מיין טאָכטער! — זאָגט צו איהר בועז — דיא זאָלסט ניכט געהן קלויבען אין אַ אַנדער פעלד. זאָלסט פון היער ניכט אַוועגגעהן. נור האַלט דיך מיט מיינע פריילײנס, און זעה וויא זייא שניידען אין פעלד זאָלסט דיא זייא נאָכגעהן. איך האָב אָנגעזאָגט מיינע יונגען מען זאָל דיך ניכט אָנריהרען. ווען דיא האָסט דאָרשט, זאָלסט דיא גלייך געהן צו דעם געפעס, און טרונקען וואָס דיא יונגען האָבען געשעפפט. (רות פאַלט און בוקט זיך).

פאַר וואָס — פראָגט רות — האָב איך רות חן געפונען מיך צו ערקאָנען, ווען איך קום אַרויס פון אַ פרעמד פאָלק ?

יאָ — ענטפערט בועז — מען האָט מיר אַלעס ערצעהלט, וויא דיא האָסט דיך געפיהרט מיט דיינע שוויגערמוטער נאָך דיין מאַנס טויט. דיא האָסט פערלאָסט דיין פאָטער און מוטער, אויך דיין פאַטערלאַנד, און האָסט זיך ערלויבט צו צוגעהן צו אַ פאָלק, וואָס דיא האָסט ניכט אָנגעהויבען צו קאָנען. גאָט זאָל דיר דיין ריכטיגען לוין בעצאָהלען. דער זעלבער יודישער גאָט, וואָס דיא ביסט זיך געקומען בעשיטצען אונטער זיינע פליגעל.

איך — ענטפערט רות — זאָל ווירקליך חן געפונען אין דיינע אויגען. דיא האָסט מיך געטרייסט מיט דיין הערצליך רײדען צו דיינע דיענסט. איך בין דאָך ניכט ווערטה צו זיין אויך איינע פון דיינע דיענסטען.

אין דיא צייט — זאָגט בועז — פון עסען, זאָלסט דיא צו קומען און עסען פון דיא שפייז. צו בערוהיגען דיא היטץ זאָלסט דיא דיין ברויט טינקען אין דעם עסיג. (זיא זעצט זיך אין דיא זייט פון דיא שניטער. בועז דער־לאַנגט איהר געראָסטעטע הילזענפרוכטע. זיא עסט זייא צו דיא זאַט, און לאָסט איבריג. זיא געהט צוריק קלויבען).

הערט אוים! — זאָגט בועז צו דיא שניטער — אויך צווישען דיא גאַרבען זאָלט איהר זיא לאָסען קלויבען, און זיא ניכט פערשעהמען. איהר זאָלט אייך פלייסיג מאַכען פערגעסען פון דיא בינדלעך, זיא זאָל זייא קלויבען.

אִיהר זאָלט אויף אִיהר נִיכט שרײַען. (זִיא קלויבּט אויף אונ שלאָגט אוים, אונ טראָגט עֶס אַוועֶג אַהײַם. דִיא נאַכט קומט אָן, אַלעֶ מאָנעֶר אונ פרויעֶן פאָרבּרײַטעֶן זִיךְ אַהײַם צו געֶהן, זײַא שטעֶלעֶן זִיךְ צוזאַמעֶן אונ זִינגעֶן דאָס געֶזעֶגעֶנלִיעד:

מִיר האָבּעֶן הײַנט זעֶהר פִיעל בּעֶטוהעֶן
יעֶצט געֶהן מִיר שוין צו הויזעֶ רוהעֶן.
צו פרײַעֶן זִיךְ מִיט אונזעֶרעֶ פרויעֶן
יודִישעֶ פאַמִיליעֶן וועֶלעֶן מִיר בּויעֶן.
מִיר וועֶלעֶן עֶרצעֶהלעֶן אונזעֶרעֶ קִינדעֶר
דעֶם אַלטעֶן הײַלִיגעֶן בּועַז'ס וואונדעֶר.
פון טִיפעֶן האַרץ טוהעֶן מִיר גאָט לויבּעֶן
מִיר שאָטצעֶן, מִיר עֶהרעֶן, זײַן גלויבּעֶן.
בּועַז'ס זכות זאָלעֶן מִיר געֶנִיסעֶן
מִיר טוהעֶן יעֶצט זײַן אַרבּײַט שלִיסעֶן.

אַלעֶ נײַגעֶן זִיךְ פאַר בּועַז מִיט עֶהרעֶ, אונ געֶהעֶן צוזאַמעֶן אַוועֶג. בּועַז געֶהט צום שײַעֶר, אונ זעֶצט זִיךְ נעֶבּעֶן קלײַנעֶם טִישעֶל, אונ עֶסט אונ טרִינקט אויךְ לעֶרנט מִיט אַ פרײַלִיךְ האַרץ. רות קומט אָן זעֶהר שײַן געֶקלײַדעֶט אונ פײַן פעֶרפוצט. זִיא שטעֶהט פון ווײַטעֶן אונ בּעֶטראַכט אַלעֶס וואָס עֶר טוהט).

יאָ — שפרִיכט בּועַז — מײַן פאַמִיליאַנט אֱלִימֶלֶךְ אִיז לײַדעֶר געֶשטאָרבּעֶן. זײַנעֶ צוויײַא טהײַעֶרעֶ קִינדעֶר מחלון אונ כליון לעֶבּעֶן שוין אויךְ נִיכט. ווען כליון'ס טהײַעֶרעֶ פרויא רות אִיז בּײַא מִיר געֶוועֶזעֶן, אִיךְ זאָל אויף אִיהר מאַנס לעֶבּעֶן בּעֶטעֶן, אִיז שוין זײַנעֶ הײַלִיגעֶ זעֶעֶלעֶ אִין גן־עדן געֶוועֶזעֶן, אונ וויִא רות אִיז אַהײַם געֶקומעֶן, האָט זִיא שוין לײַדעֶר אִיהר פִינסטעֶר אונגלִיק געֶטראָפעֶן. (רות ווִישט דִיא טרעֶרעֶן פון אִיהרעֶ אויגעֶן). אַגרויסעֶ שאַדעֶ וואָס דעֶר הערלִיכעֶר שײַנעֶר נאָהמעֶן פון אלימלךְ מִיט זײַנעֶ קִינדעֶר געֶהט גאָנצלִיךְ אונטעֶר. אַךְ וויִא טהײַעֶר דִיא ווִיטוועֶ רות אִיז, אונ וואָס פאַר אַ פײַנעֶם גײַסט זִיא האָט. דִיא גאָטהײַן האָט אִיהר פאָטעֶרס קײַזעֶרלִיכעֶ הויז פעֶרלאָסט, אונ האָט זִיךְ מִיט אִיהר רִיכטִיג אִיבּעֶרצײַגונג פעֶרבּונדעֶן צו אונזעֶר יודִישׁ גלויבּעֶן. אִיךְ האָבּ געֶהעֶרט דאָס עֶס גִיבּט נִיכט אײַן טהײַעֶרעֶ גוטעֶ מִדה וואָס דִיא פרויא בּעֶזִיצט זִיא נִיכט. אִיהר עֶהרלִיךְ האַרץ אִיז אַ קוואַל פון דִיא רײַנעֶ גאָטלִיבּעֶ פִילאָסאָפִיעֶ. אויךְ ווען אונזעֶר הײַלִיגעֶר

פראָפעט משה זאָל יעצט לעבען. וואָלט ער איהר אויך פיעל עהרע געגעבען. זיינע היילינע שוועסטער מרים, וואָלט זיא פאַר איהרע ערשטע אונ בעסטע פריינדין געהאַלטען. איך בועז, אויבוואָהל איך בין שוין זעהר אַלט, דיא זאָנן פון מיין לעבען האַלט שוין ביא דעם אונטערגעהן, פין רעסטיועגען ווען זיא זאָל וועלען, וואָלט איך מיט איהר נאָך געהייראַט. דיא קינדער וואָס זוערען געבוירען פון אַזויא אַ טהייערע פרויא, ברויכען זיכער זיין גאָטליכע היילינע קינדער, וואָס דיא העררליכע פלאַנעטין ברויכען זיך שעהמען געגען זייער שוינהייט. אויך לויט דעם יודישען היילינען געזעטץ, ברויכט איינער פון אלימלך׳ס פאַמיליע מיט איהר הייראַטען, צוריק צו שטעלען דעם זעעלי־גען כליונ׳ס נאָהמען אויף זיין פאָטערס ערד. איך האָב זיא יעצט בענויא ניכט דערקאָנט דורך איהרע אָרמע קליידער אונ איהר טרויעריג געזיכט. (בועז פערשפרייט אַ טהייערן דיוואַן אויף דיא ערד, אונ לעגט אַ קישען צו קאָפּפענס. ער לעגט זיך שלאָפען, אונ דעקט זיך צו מיט אַ טהייערע קאָטץ, אונ זינגט זעהר פערגאָטערט:

הייליגער גאָט! אין מיין יעצטיגען שלאָפען
זאָלסט דיא מיך ניכט שטראָפען.
דעם טויט זאָלסט דיא פערטרייבען
איך זאָל מיך מאָרגען אויפהייבען.
צו לערנען אונ טוהען דיין געזעטץ
וואָס איך דיין קנאַכט ליעב אונ שאָטץ.
אין דעם יעצטיגען שלאָף דעם זיסען
זאָל איך פון בייזע געדאַנקען ניכט וויסען.
גוטע מלאכים זאָלען מיך אָבהיטען
דאָס טוהע איך פון דיר גאָט ביטען.

ער הייבט אָן צו שלאָפען. רות שטעלט זיך אויף דעם בוים, אונ זעהט פון וויטען דאָס בועז שלאָפט שוין געשמאַק).

יאָ — שפריכט רות זעהר שטיל — מיינע פרומע שוויגערמוטער נעמי האָט מיך געלערנט, דאָס לויט דעם יודישען געזעטץ ברויכט דער הייליגער מאַן מיט מיר הייראַטען, ווייל ער איז פון מיין גאָטזעליגען מאַנס פאַמיליע. זיא האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט, דאָס איך זאָל זיין דרייסט צו זיין מיט איהם ווען ער וועט שוין שלאָפען. ער וועט דאָס פאַר קיינע זינד רעכנען, ווייל דאָס איז אויך איין מצוה פון דיא יודישע זעקסהונדערט אונ דרייצעהן

מִצוֹת. (זִיא גֶעהְט אַרוּנטֶער פוּן בּוּים, אוּנ קְנִיעט אוֹיף דִיא עֶרד אוֹיפהֵייבֶּענְ־דִיג אִיהרֶע הָאנד צוּ הִימֶעל): אוּנ דִיא יוּדִישֶׁער גְרוֹיסֶער גָאט! אִיךְ גֶעה יֶעצְט מוּהֶען דֵיין גֶעזֶעטְץ. אִיךְ הָאבּ דֶעם יוּנגֶען הֶערלִיכֶען פְּרִינְץ פֶערלָאסְט, אוּנ גֶעה צוּ אַ אַלטֶען מַאן. גִיבּ מִיר יוּנגֶע וִויטְוֶע גֶענוּג מוּטה. גִיבּ מִיר אַ הֵיילִיגֶען גֵייסְט מִיט עֶהרלִיכֶע גֶעוִויסֶען. (זִיא הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף פוּן דִיא עֶרד אוּנ גֶעהְט לַאנגזַאם צוּ בּוֹעַז'ן. זִיא וֶעצְט זִיךְ אוֹיף דִיא עֶרד נֶעבֶּען זֵיין גֶעלֶעגֶער. פוּן וֵייטֶען בֶּעווַייזְט זִיךְ פְּלוֹצְלוּנג אַ הֶערלִיכֶער עֶנגֶעל, מִיט צְווֵייא גְרוֹיסֶע פֶערשְׁפְּרֵייטֶע פְלִיגֶעל, אוּנ שְׁפְּרִיכְט:

דִיא הֵיילִיגֶע הִימלֶען עֶפְנֶען יֶעצְט אַלֶע טוֹיעֶרִין
גְרֶעסְטֶע יוּדִישֶׁע מְלָכִים וֶוערֶען יֶעצְט גֶעבּוֹירֶען.
יוּדִישֶׁע אָדלֶערְס, דִיא גָאטלִיכֶע פֶערזָאהנֶען
וָואס וֶועלֶען טְרָאגֶען קֵייזֶערלִיכֶע קְרָאהנֶען.
דֶער הֵיילִיגֶער דוד המלך, דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטֶערְן
ווֶעט פוּן דִיא פָּאר גֶעבּוֹירֶען ווֶערֶען.
זֵיין זָאהן שלמה דֶער קְלוּגְסְטֶער פוּן דִיא וֶועלְט
אוֹיף זֵיינֶע דְרֵייא ספרים אִיז אַלֶעס גֶעשְׁטֶעלְט.
פוּן יוּדִישֶׁען גָארטֶען דִיא שֶׁענְסְטֶע בְּלוּהמֶען
ווֶעלֶען פוּן דִיא יֶעצְטִיגֶע נַאכְט אַרוֹיסְקוּמֶען.
דִיא מלאכים אִין הִימֶעל טוּהֶען יֶעצְט טַאנצֶען
אוּנ וַוארפֶען פוּן גַן־עֵדֶן פִיעֶל בְּלוּהמֶענְקְרַאנְצֶען.

(רוּת דֶעקְט אוֹיף דִיא קָאפְּץ... דִיא פָארהַאנג פַאלְט).

פִינְפְטֶער אַקְט.

(אִין אַ גְרוֹיסֶע קֵייזֶערלִיכֶע זַאל, אוֹיסגֶעשְׁטֶעלְט פִיעֶל שְׁטוּהלֶען. בֵּייא דִיא וַואנד שְׁטֶעהְט זֶעהר אַ רֵייכֶע גָאלדֶענֶע שְׁטוּהל אָרוּם מִיט קְלֵיינֶע גָאלדֶענֶע שְׁטוּהלֶען, אוֹיךְ אַ קְלֵיינֶעם פֶערְפּוּצְטֶען טִישׁ. מִיר זֶעהֶען אַרֵיינקוּמֶען דִיא הֵיילִיגֶע פְרוֹיא רוּת אוֹיף אִיהרֶע עֶלטֶערֶע יָאהרֶען. זִיא גֶעהְט זֶעהר רֵייךְ גֶעקְלֵיידֶעט. אִיהר עֶרְדֶעל גֶעזִיכְט שֵׁיינְט אַרוֹיס פוּן אִיהרֶע ווֵייסֶע זִילְבֶּערְנֶע הָאָר).

זעהר — שפּריכט רות — אַ שײנער גאָלדענער בוים מיט ברילױאַנטענע צװײגען, פיעל מיט געטליכע שמאַקפאָלענדע פרוכטען, האָט פון מיר רות אַרױסגעװאַקסען. פון מײן צװײטען געטזעעליגען מאַן בועז, האָב איך געבױרען אײן זאָהן עובד, עובד האָט געבױרען זײן זאָהן ישי, און ישי האָט זוכה געװעזען צו האָבען דעם הײליגען דוד המלך. און ער האָט יעצט זיטצען אױף זײנע קײזערליכע שטוהל זײן װעלטבערוהמטען זאָהן שלמה. איך בין יעצט פלײסיג אַהער געקומען הערען מיט מײנע אױערען, װיא מײן אוראײניקעל שלמה זאָל געזונד זײן, זיצט װיא אַ הײליגער ענגעל אױף זײנע קײזערליכע שטוהל, און ריכטעט דאָס יודישע פאָלק מיט זײן געטליך פערשטאַנד. מײן פאָטער עגלון איז אױך געװעזען אַ קײזער. ער װאַהר זעהר רײך מיט פיעל גאָלד, פיעל געװעהר, פיעל פעסטונגען. אָבער אָרם פון געטליכע געדאַנקען. בעצװיבערט אין דעם נאַרישען גלױבען פון דיא געטצען. צו געװינען אַ שטיקעל ערד איז בײא איהם ריכטיג געװעזען צו פערגיסען טײכען מענשענבלוט. צו ליעב דיא פאַלשע עהרע האָט ער זײנע אײגענע קינדער אין קערקער פערשפּאַרט. אָבער מײן הײליג קינד שלמה, אױסער דעם װאָס זײן מיסט איז פיעל רײכער פאַר מײן פאָטערס גאַנצע קאָניגרײך, איז ער נאָך רײך אין בילדונג. ער פערשטעהט װאָס דיא פײגעל רײדען. ער פערשטעהט אַלע נאַטורװיסענשאַפטען. ער האָט דעם רוח־הקדש צו זעהען אַלע געטליכע געהײמניסען. אַלע גרעסטע װעלטגעצײכענטע פילאָסאָפען בערוהמטען זײן חכמה, און פערגאָטערן זײן גרױס'ן שאַרפען פערשטאַנד. דיא גרעסטע קאָניגען, דיא שענסטע פּרינצעסען, האַלטען זיך פאַר אַגרױסע עהרע, װען מײן שלמה'לע זאָל לעבען, צײגט זײא אַ ליעבליך געזיכט. װען איך װאָלט ניכט פערלאָסט מײן פאָטער עגלון'ס קײזערליכע הױז, װאָלט איך נאָך ביז הײנט געװעזען אַ נאַרישע געטצענדינערין. מײנע קינדער װאָלטען געװעזען קײזערליכע בלוטזױגערס װאָס געהען אַרום װיא בלינדע שװאַלבען אונטער די זאָנן. װער װײסט װיא מײן קערפּער װאָלט יעצט געװעזען בעגראָבען. און װאָס פאַר אַ נאַרישען אָבגאָט עם װאָלט אױף מײן קבר געשטאַנען? װיא גוט האָב איך געטוהען מיט דעם, װאָס איך האָב פערלאָסט דיא געטצענדינער, און האָב זײא אױסגעטױשט מיט דעם יודישען הײליגען גלױבען. דיא שענסטע יודישע מאַנער, װאָס פערדונקעלן דיא הערליכסטע פּלאַנעטען מיט זײער שױנהײט, זענען פון מיר אַרױסגעקומען. מײנע שװעסטער ערפה האָט געהײראַט מיט דעם פּרינץ און זיא איז שנעל געשטאָרבען. פון איהר איז אַרױסגעקומען, דער שמוטציגער גָלְיַת־הַפְּלִשְׁתִּי, װאָס מײן הײליג אײניקעל דוד המלך האָט אָנגעזעטעט דיא פײגעל מיט זײן װילדען קערפּער. און איך האָב געהײראַט מיט דעם אַלטען בועז, און איך

לעבּ נאָך קוקענדיג מיט פיעל פערגעניגען , וויא דער גרויסער אלמעכטיגער גאָט בעוויזט זיך צו מיינע קינדער , אונ גיבּט זייא אלע שליסלען פון דיא הימלישע טויערען . אונשטערבליך וועט מיין נאָהמען זיין אויף דער וועלט . אונ אויף דיא גייסטליכע וועלט וועט מיין גאָטזעעליג קינד דוד המלך מיט זיין היילליגען פאָטער ישי , אויך מיין ליעבּער זאָהן עובד , וועך שמועסט נאָך מיין היילליגער מאן בועז מיט מיין ערשטען מאן כליון , אויך מיינע היילליגע שוויגערעלטערען , זייא אלע וועלען פאר מיר מאכען זעהר א טהייערן פלאץ אין ליכטיגען גן־עדן , צוזאמען מיט דיא היילליגע מוטערס שרה רבקה רחל אונ לאה . געלויבּט בּיסט דיא יודישער גרויסער גאָט . שיטץ מיט דיינע ערבּארמדיגע פליגעל אויף דיא היילליגע זעעלע פון מיינע טהייערע שוויגערמוטער נעמי , וואָס האָט מיך צו דעם ריכטיגען גליק געפיהרט . (עס קומען אריין דיא קייזערליכע קאָפּפהיטערס אין זעהר טהייערע פאנטאזינישע קליידער . לאנגע גאָלדענע שפּיזען אין זייערע האָנד . נאָך זייא קומען אָן דיא מיניסטאָרען מיט פערשידענע גענערעלער . רייכע פרינצעסין . גרויסע קאָנסאָלען . פיעל בּיר־גער . אונ זעטצען זיך אויף דיא שטוהלען . דיא אלטע רות זעצט זיך אויך צווישען זייא אָהן דעם מינדעסטען שטאָלץ . עס קומט אָן צו לויפען א גרויסער גענעראל מיט א גאָלדענעם פאָהן אין האנד) .

עהרע ! — שרייט דער גענעראל — עהרע ! דער היילליגער קאָניג שלמה געהט ! (אלע שטעלען זיך אויף . דער קאָניג שלמה ערשיינט מיט זיינע גאָלדענע קרוין אויף זיין קאָפּף . ער זעצט זיך מיט זעהר א שיינעם פּאראַ אויף זיין שטוהל . דאָס פאָלק זינגט דעם הימנען :

עהרע מיט אונזער גאנצען לעבּען
טוהען מיר דעם קאָניג שלמה געבּען .
ער האָט א גאָטליכען גרויסען ווערטה
אין הימעל אונ אויף דיא ערד .
אויך דיא טייפלען פון אלע עקען
טוהען פאר זיינע קרוין אנגסען שרעקען .
ער פיהרט אונזער היילליג לאנד
נור מיט זיין בּלויסען פערשטאנד .
ער האלט קיין קריעג , קיין שטרייט
פון דיא בּלוטיגע שווערד איז ער וייט .
גאָט טוהט זיך צו איהם בּעווייזען
ער זאָל ניבּט מאכען קיינע גרייזען .

וויא א ענגעל איז זיין נאטליבער הין
לעבען זאל ער עוויג, אמן! אמן!

זעצט אייך — זאגט שלמה — ליבע קינדער! אזויא וויא איך בין ניכט פון דיא קאניגע וואס זאגען: דאס פאלק איז פאר דעם קאניג, ניכט דער קאניג פאר דעם פאלק. נור איך בין אימער פאר דעם פאלק וויא דער טרייער פאסטוך פאר דיא שאף. אלסדאן, אזויא וויא איך האב געהאט א ריכטיגען נאכריכט, דאס מיינע בעאמטע בעגעהען זיך ניכט וויא אמ־בעסטען מיט מיין פאלק. בעט איך יעצט מיט גאטעס נאהמען, דאס מיין היילינג יודיש פאלק, דיא קינדער פון אברהם יצחק יעקב, זאלען ויערען פון מיינע מענשען זעהר גוט בעהאנדעלט. אויך מיינע גרעסטע גענערעלער זאלען ניכט שטאלצירען געגען מיין מינדעסטען בירגער. ווען דער איינוואהנער איז פיין אונ עהרליך, ברויכט מען איהם היטען וויא א אייגען קינד. אונ ווען ער געהט אוועג פון געזעטץ, ברויכט דער בעאמטער איהם בעהאנדלען וויא דער ארצט דעם קראנקען. ער ברויכט היילען זיינע גייסטליכע קראנקהייט מיט פיעל ערבארמקייט. ניכט מיט דיא בלוטיגע ענערגיע פון דיא ווילדע ביוראקראטיא, וואס דיא בייזע טייפלען בעגלייטען זייא אויף יעדען שריט אונ טריט. מיר ברויכען זיך פארשטעלען וויא א קייזער זעהט אוים אהן דעם פאלק. ווער גיבט אונז מיליטער? דאס פאלק. ווער ליפערט אונז פינאנסען? ווער מויערט פעסטונגען? אלעס דאס פאלק. דאס פאלק איז דער קערפער פון אונזער קייזערליכען אדלער, אונ איך מיט מיינע בעאמטע זענען נור זיינע פעדערען. דאדורך בעט איך מיט דעם נאהמען פון דעם היילינגען בעשעפער, דאס אלע מיינע בעאמטע, פון דעם גרעסטען מיניסטער ביז דעם קליינסטען סאלדאט, זאלען שאטצען אונ עהרען דעם גאנצען יודישען פובליק. אונ יעדער מענש פון גרויס ביז קליין. וואס האט דעם מינדעסטען פראטעסט אויף מיינע בעאמטע, קאן זיך גלייך ווענדען צו מיר, אונ איך וועל אליין דורכזעהען אויב ער האט רעכט. (שלמה דערזעהט פון ווייטען וויא זיינע גרויסמוטער רות זיצט זיך צווישען פובליק. ער הייבט זיך אויף פון זיינע קייזערליכע שטוהל, אונ שפריכט צו איהר זעהר ליעבליך): ליבע גרויסמוטער! זייא אזויא פריינדליך אונ קום אהער צו מיר, דא שטעהט שוין פאר דיר א שטוהל. (דער גענעראל לויפט שנעל אהין, אונ פיהרט זיא צו. זיא נייגט זיך פאר שלמה׳ן, אונ זעצט זיך דארט זעהר צופריעדען. שלמה דערזעהט פון ווייטען שטעהן א ארמע פרויא וואס וויל גערן צו געהן צו איהם, נור דער שילדמאן לאסט זיא ניכט).

שאָל! — זאָגט שלמה — זאָל דיא פרויא אַהער קומען. (זיא געהט צו אונ קניעט אויף דיא ערד).

גרויסער קעניג! — ביטערט דיא פרויא — אַזויא וויא מיין מאַן ליגט שוין אַ לאַנגע צייט קראַנק, אונ קאָן ליידער ניכט אַרבייטען, אַרבייט מיין זאָהן אונ ערנעהרט אונז. יעצט וויל מען איהם נעמען צום מיליטערדיענסט. איך האָב אָבגעגעבען אַ ביטע צום מיניסטער, האָט ער זיא מיר ענטזאַגט.

וויפיל — פראגט שלמה — פערדיענט דען דיין זאָהן אַ וואָך?

צוואַנציג טאָהלער — ענטפערט דיא פרויא — ער אַרבייט זעהר שווער אונ ביטער.

זאָל ער — ענטפערט שלמה — אַרבייטען בייא מיר אין מיליטער לייכט, אונ איך וועל דיר יעדע וואָך צאָהלען דיא צוואַנציג טאָהלער.

ליעבער קעניג! — בעט דיא פרויא — איך וויל מיין זאָהן זאָל ליעבער זיין מיט אונז אין דיא היים.

ער — ענטפערט שלמה — וועט דיענען דאָ אין ירושלים. ער קאָן בייא דיר יעדען טאָג זיין.

ליעבער ערבאַרמדיגער קעניג! — זאָגט דיא פרויא — אונ ווען עס וועט זיין אַ מלחמה?

זייא זיכער — ענטפערט שלמה — דאָס איך וועל קיין מלחמה האַלטען. מענשענבלוט איז בייא מיר זעהר טהייער. ווייל מיין היילינער פאָטער דוד האָט געהאַלטען מלחמות, האָט גאָט ניכט געוואָלט, ער זאָל פאַר איהם שטעלען דעם בית־המקדש.

איך דאַנק — זאָגט דיא פרויא אונ הייבט זיך אויף פון דיא ערד — גאָט זאָל דעם קעניג בעלוינען פאַר זיין גוט האַרץ. (וויא זיא געהט אַוועג, קומט צו אַ אונטעראָפיציר, אונ קניעט אויף דיא ערד).

וואָס — פראגט שלמה — איז דיין פערלאַנג?

איך — ענטפערט דער אונטעראָפיציר — ווייס, דאָס איך קאָן שוין זיין אַ פאָלקאָווניק, פיליייכט נאָך גרעסער, איך קאָן מיינע גוטע פעהיגקייטען אין

מיליטער. נור ווייל דער גענעראַל איז אויף מיר בייז, ווייל איך האָב איהם אייניגע מאָהל געצייגט גרויסע פעהלערען אין זיין פיהרען, לאָזט ער מיך ניכט גרעסער ווערען.

ניין מיין קינד — ענטפערט שלמה — ניכט אַ מענש מאַכט גרויס אַ מענש, נור גאָט אַליין. ווען דיא ברויכסט ווירקליך גרויס ווערען, וועט גאָט אַלע דיינע געגענער פערוויטערן פון דיר, אונ דיא וועסט צו דיינע הויכע ראַנגע קומען. ווען דיא וועסט אַנטלויפען פון דיא עהרע, וועט דיא עהרע דיך נאָך יאָגען. אונ ווען דיא וועסט נאָך יאָגען דיא עהרע, וועט דיא עהרע פון דיר אַנטלויפען. (ער הייבט זיך אויף אונ געהט אַוועג פערשעהמט. עס קומען צו צוויא גענערעלער יְהוֹיָדָע אונ אֱלִישָׁמָע, אונ נייגען זיך מיט עהרע.)

גרויסער קאָניג! — זאָגט יהוידע — געסטערן האָט מיך דער גענעראַל אלישמע זעהר פערשעהמט צווישען מיינע סאָלדאַטען. ער האָט ערצעהלט דאָס מיין גרויספאַטער וואַהר אַ גאָטצענדיענער. איך בעט זעהר, דער קאָניג זאָל איהם בעשטראָפען פאַר מיינע גרויסע שאַנדע.

ניין! — ענטפערט שלמה — דאָס איז ווירקליך קיינע שאַנדע, ווען מען זאָל לאָגיש אַריינקלעהרען אין דעם, איז דאָס נאָך אַ גרויסע עהרע. אין הימעל ווערט מעהר געשאָטצט דיא גוטע פרוכט וואָס איז געוואַקסען אויף אַ בילינען בוים, וויא דיא פרוכט וואָס איז געוואַקסען אויף דעם טהייערסטען בוים. דאָ זיצט גראַדע מיינע גרויסמוטער רות זאָל לעבען. איהר פאָטער וואַהר עגלון דער קייזער פון מואָב. זיא האָט אין איהרע יונגע יאָהרען אויך געדיענט דיא גאָטצען. נור וויא זיא האָט זיך מיט לייב אונ זעלע בעהעפט צום יודישען גלויבען. האָט זיא דעם גרויסען ווערטה בעקומען אין הימעל, אונ האָט זוכה געוועזען עס זאָל פון איהר אַרויסקומען דיא גרעסטע יודישע מלכים. דיא וועלטבערוהמטע הייליגע מאָנער. — אונ דיא אלישמע, ווייל דיא האָסט דאָס גערעכענט פאַר אַ שאַנדע, זאָלסט דיא הייראַטען מיט דעם ערמאָרדעטען יואָב'ס פרויא.

גרויסער קאָניג! — ביטערט אלישמע — איך בין שוין פערלויבט מיט דעם ערמאָרדעטען שמעי'ס פרויא. זאָל דער קאָניג זיך ערבאַרמען אויף מיר, אונ צוריק ציהען דעם בעפעהל.

ווען — זאָגט שלמה — יהוידע וועט דיר שענקען די שאַנדע, וועל איך מיין בעפעהל צוריק ציהען.

יהוידע! — בעט אלישמע — ערבאַרם דיך יעצט אויף מיר.

איך — ענטפערט יהוידע — האָב צייט, עס ברענט דאָך ניכט. (זייא נייגען זיך פאַר דעם קאָניג אונ געהען אַוועג. עס קומט צו אַ פערביטערטע פרויא, אונ פאַלט אויף דיא ערד מיט געוויין).

ערבאַרמדיגער קאָניג! — בעט דיא פרויא — דער הערשטאַנט אפרים וואָס שטעהט יעצט דאָרט מיט דיא געוואָפענטע סאָלדאַטען, איז מיין מאַן. דיא סנהדרין האָבען איהם פעראורטהיילט צום טויט, ווייל צווייא פאַלשע צייגע האָבען געזאָגט אונ פאַלש געשוואָהרען, דאָס ער איז בעהיטע גאָט דער מערדער וואָס האָט דיא פרויא פנינה ערמאָרדעט. מיין אַנשולדיגער מאַן וויל דעם גרויסען קאָניג בעטען, דורך צו זעהען זיין פראָצעס מיט רוח־הקדש, אונ דערגעהן דיא וואַהרהייט.

יהושפט! — זאָגט שלמה צו זיין סעקרעטאַר — זאָל דער הערשטאַנט מיט דיא צווייא צייגע אַהער קומען. (יהושפט געהט אונ ברענגט זייא צו).

אויבוואָהל — זאָגט שלמה צו דיא צייגע — איהר האָט שוין הייליג געשוואָהרען פאַר מיינע הייליגע סנהדרין, דאָס ער איז דער מערדער. זאָג איך אייך, איהר זאָלט יעצט עהרע געבען דעם שם הוי"ה וואָס שוועבט איבער מיר. איהר זאָלט עהרע געבען מיינע קרוין וואָס איך האָב זיא בעקומען פון דעם אַלמעכטיגען גאָט וואָס ווייסט אַלע פערבאָרגענהייטען, אונ ער נעמט זעהר אַ שרעקליכע ראַכע פון דעם וואָס פערגיסט אונשולדיג בלוט. איך ראַטהע אייך, איהר זאָלט ניכט פערלירען ביידע וועלטען. איהר זאָלט ניכט מאַכען דעם יעצטיגען בלוטיגען פעהלער, וואָס איהר וועט איהם ניכט קאָנען פעררעכטען. איך גיב אייך מיין קייזערליך עהרען וואָרט, דאָס ווען איהר וועט יעצט פאַר מיינע גאָטליכע קרוין ניכט ענטדעקען דיא גאַנצע וואַהרהייט, וועט מען אייך רופען מיט דעם נאָהמען דער צווייטער אונ דער דריטער איוב. דאָס הייסט, איהר וועט זיין אַ ציעל צו דיא גרעסטע געפאָהרליכע אונגליקען אויף דיא וועלט. אונ אויף דיא גייסטליכע וועלט וועלען אייערע פערבלוטיגטע זעעלען אויך קיינע רוהע האָבען. (דיא צייגע הייבען אָן צו ציטערן פון שרעק): איך זעה אין אייער ציטערן, דאָס דער פעראורטהיילטער איז אונשולדיג. איך פערשטעה דאָס איהר זענט אויף איהם בייז געוועזען, דאַדורך האָט איהר איהם געוואָלט ערמאָרדען.

גרויסער קאָניג! — זאָגט איין צייגע — איך ליעב זעהר דעם פעראור־

שטהיילטענס שיינע פרויא, האב איך געדעכענט, דאס נאך זיין טויט וועל איך מיט איהר הייראטען.

ניין! — ענטפערט דיא פרויא — איך וועל הייראטען מיט א מעדרער?

אונ דיא? — פראגט שלמה דעם צווייטען צייגע — וואס פאר א אורזאכע האסט דיא געהאט?

איך — ענטפערט דער צווייטער — בין אויף איהם בייז, ווייל זוען זיינע פרויא וואהר נאך א מעדכען, האבען מיר געזאלט הייראטען, נור ער האט זיא מיר מיט געוואלד אויסגעחאפט.

מיט גאטעס נאהמען! — זאגט שלמה — דער הערשטאנט איז גלייך פרייא. אונ דיא צווייא פאלשע צייגע זאלען געריכטעט ווערען דורך דיא סנהדרין. אליחרף! אין דעם זעקסאונצוואנציגסטען קאפיטעל פון מיין ספר משלי. זאלסט דיא צו שרייבען: „כֹּרֶה שַׁחַת בָּהּ יִפֹּל, וְגֹלֵל אֶבֶן אֵלָיו תָּשׁוּב“ (דער וואס גרובט א גריב, פאלט ער אין איהם אליין אריין. אונ דער וואס ווארפט א שטיין, געהט ער צו איהם צוריק): איהר קאנט שוין געהן. (זייא געהן אוועג. עס קומען צו צווייא יודישע פרויען, איינע טראגט א קליין טויט קינד, אונ דיא צווייטע טראגט א קליין לעבענדיג קינד).

וואס — פראגט שלמה — איז אייער וואונש?

איך — ערצעהלט איינע — וואהן מיט דיא פרויא צוזאמען אין איין שטוב. איך האב דארט איין קינד געבוירען. אין דעם דריטען טאג האט דיא פרויא אויך געווינען איין קינד. אין דיא שטוב וואהר קיין פרעמדער אויסער מיר ביידע. בייא נאכט האט זיך דיא פרויא ארויפגעלעגט אויף איהר קינד אונ האט עס דערשטיקט. וויא איך בין געשלאפען, האט זיא מיר ארויסגענומען מיין קינד אונ האט עס צו זיך געלעגט, אונ איהר טויט קינד האט זיא צו מיר אריין געלעגט. וויא איך הייב מיך אויף אין דיא פריה אנזייגען מיין קינד, זעה איך עס ליגען טויט. אונ וויא איך האב עס בעטראכט, האב איך גלייך געזעהען, אז דאס איז ניכט דאס זעלבע קינד וואס איך האב עס געבוירען.

ניין! — זאגט דיא צווייטע — דאס לעבענדיגע קינד איז מיין, אונ דאס טויטע איז דיין.

דאָס טויטע — ענטפערט דיא ערשטע — איז דיין, אונ דאָס לעבענדיגע איז מיין.

דיא — שפּריכט שלמה — זאָגט: דאָס איז מיין לעבענדיג קינד אונ דיין קינד איז דאָס טויטע. אונ דיא זאָגט: ניין, דיין קינד איז דאָס טויטע אונ מיין קינד איז דאָס לעבענדיגע. ברענגט מיר אַ שווערד! (מען ברענגט אַ שווערד): צו שניידט דאָס לעבענדיגע קינד אויף צוויי, און גיבט איהר איין העלפט, און דיא צווייטע דיא אַנדערע העלפט.

גיבט — זאָגט איינע — איהר אַוועג דאָס לעבענדיגע קינד, אונ מיט עס ניבט.

ניין — ענטפערט דיא צווייטע — ניבט מיר אונ ניבט דיר. צו שניידט עס.

דיא — זאָגט שלמה — וואָס האָט אויף דעם קינד רחמנות, אונ זיא הייסט עס ניבט צו שניידען, זיא איז דיא ריכטיגע מוטער פון דעם קינד. גיבט דאָס לעבענדיגע קינד איהר צוריק, אונ טייט עס ניבט. (מען גיבט איהר אַוועג דאָס קינד, אונ זיא קושט עס מיט אַ פריילליך געוויין. אונ דיא צווייטע שטעהט אַרונטער געלאָסט איהרע אויגען פון גרויסע שאַנדע. דער פּובליק הייבט אָן צו זינגען:

גליקליך איז זעהר אונזער הייליג לאַנד
מיט אונזער קאָניגס גאָטליכע פערשטאַנד.
אויף איהם שטראַהלט דער רוח־הקדש
וויא דיא שיינע מאָנד אין האַלבען חודש.
אין זיין גאָטליך קייזערליך פיהרען
קאָן דער שקר קיין מאָהל עגזיסטירען.
ניבט מיט דיא שווערד, ניבט מיט געלד,
וועט ער איינעמען דיא גאַנצע וועלט.
נור תורה, נור חכמה, איז זיינע מאַכט
ענגלען שטעהען ביי איהם טאָג אונ נאַכט.
דיא הייליגע שכינה טוהט אויף איהם שוועבען
לאַנג וויא דער אָדלער זאָל ער לעבען!
אוראַ! אוראַ! אוראַ!

(דיא פאָרהאַנג פאַלט).

ענדע

פרייז 25 קאפ.

B. THURSCH, WARSCHAU.

Nalewki № 7.

INTERNATIONAL BOOK STORE
A. WASSERMAN,
45 CLINTON ST. NEW YORK